STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05517

IDISHE UN ALGEMEYNE ERTSIHUNG

Isaac Unterman

Permanent preservation of this book was made possible by Steven & Renee Finn in memory of Harry Finn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אונטערמאן (בר-חיים)

אידישע און אלגעמיינע ערציהונג.

זוי אזוי צו ערציהען אונזערע קינדער
גייסטיג, מאראליש און געזעלשאפטליך

א גרינדליכע פערענטפערונג פון די שווערע און קאמפליצירטע פראגען איבער ערציהונג ביי אידען

פון

יצחק אונטערמאן

בר-חיים

הויפט לעהרער
פון שיקאגא'ער תלמוד תורה.

Copyright 1916

By ISAAC UNTERMAN

Chicago, Ill.

לתיאדור הרצל ולבן ציון

באהבה רבה

מאת

אביהם.

אינהאלט

ערשטער טהייל
אידישע ערציהונג

א. פאָרוואָרט
ב. דאס פראבלעם
ג. די לעזונג
ד. די ערציהונגס מיטלען
ה. ערציהונג פון אונזערע טעכטער
ו. געשיכטע פון אידישע ערציהונג
ז. אונזערע ערציהונגס־אנשטאלטען

צווייטער טהייל
אלגעמיינע ערציהונג,

א. דאָס פראָבלעם
ב. דער צוועק פון ערציהונג
ג. נאכגעבענהייט און דיסציפלין
ד. די ערציהונגס מיטלען
ה. פיזישע און גייסטיגע ערציהונג
ו. אלגעמיינע בילדונג

ערשטער טהייל

אל הקורא.

ספרותנו הכתובה והעשירה עניה מאד בדבר החינוך. מכל סופרינו אשר העשירו את ספרותנו במשך השנים האחרונות ברוב פנות המדעים, מעטים המה הסופרים אשר התעוררו לדבר אודות החנוך במובנו אשר יבינהו הסופרים המודרנים.

קצת הספרים והמאמרים אשר נשאו עליהם את שם החנוך לא עצרו בקרבם את החנוך הנרצה לעם ישראל בזמן ההוה ובארץ הזאת.

עתה אין עוד איש אשר יפון בתועלת ובטובת הלמודים והמדעים, ולעומת זה רבו מאד האנשים, אשר הפנו עורף אל למודי הדת והאמונה, ולו נעזב דבר החנוך לרוח הזמן והמקום בידי רבים ממשבילינו הרדיקלים, כי אז לא יעברו ימים רבים עד אשר תשתכח חס ושלום תורה מישראל.

מכל בני הנעורים המתחנכים עתה בבתי הספר המדיניים, מעטים המה הנערים, לא אך יודעי דעת ודין העברים, אבל גם יודעי התורה הכתובה והשפה העברית או היהודית, עד אשר היחידים השרידים המצטיינים בידיעות אלה, הנחוצות באמת לכל נער עברי, יהיו לאות ולמופת.

ואם אלה הנערים אשר ראו עוד את אבותיהם שומרי התורה וחובבי הדת והשפה הנם ברעתם, מה התקוה יש לדור יולד ולבניהם אחריהם?

עתה הוא ההכרח וצורך השעה להעיר את העם ללמודי הדת והאמונה

וזאת היא מטרתי בהוציאי לאור את הספר הזה אשר אקוה כי יהיה לתועלת לרוב הקוראים, וכל איש אשר יקרא בו יהיה לו, לפי דעתי מושג נבון מדבר החנוך.

אנכי לא היה עם לבבי לפתור בספר הנכחי את כל פרטי שאלת החנוך. כשרונותי המגבלים, אשר לא יענו את רוחב הענין ועתותי אשר אינן בידי לא יתנו מקום למחשבה זרה כזאת, אפס בשומי מבטחי בנסיונותי הרבים על שדה החנוך הנני נשען על מה שהורונו אחד מחז"ל „לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין להבטל ממנה (אבות פרק שני) ובשום אל לב כי טוב מעט מאפס, וכי כל איש מחויב להביא לבני אדם את התועלת אשר יוכל להביא, אם מעט ואם הרבה, הרהבתי עוז בנפשי להגיש לפניכם את ספרי הקטן הזה ואבקש את פניכם, קוראים ומבקרים נכבדים, אם שגיתי בדבר, הורוני והעמידוני על האמת ואודה לכם על חסדכם ואמתכם אם אך בשלום ובמישור תדרכוני. אל נא תבואו עמדי לא בדברי ריבות ולא בחלקלקות, כי איש שלום אנכי ואת האמת אני אוהב והיתה בריתי אתכם האמת והשלום.

יצחק אונטערמאן (בר חיים)

שיקאגא יום ג' לסדר משפטים תרע"ו
25 ינואר 1916.

פאָרוואָרט

דער אַלגעמיינער געדאַנק דאס די קינפטיגע דורות, אונזערע קינדער זאָלען בערופען צו זיין די פיהרער און טאָן געבער פון גאַנצען אידישען פאָלק איז זיכער בעגרינדעט אויף שטאַרקע און פעסטע יסודות.

מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער געלעהרטער איינצוזעהן דאס עס וועט שוין ניט נעהמען קיין פיערטעל יאהר הונדערט און מיר וועלען דאָ האָבען דעם גרעסטען טהייל פון אידישען פאָלק וואס וועט אויסאיבען זעהר א שטאַר־קען איינפלוס.

נאָך אַלעמען איז אמעריקא דאָך דאס איינציגע לאַנד אין דער געגענ־וואַרט צו וועלכען עס איז געווענדעט דאס אידישע אויג, און וואו א איד גע־פינט דאס נויטיגסטע אין לעבען — ברויט און פרייהייט.

די פראַגע איז אבער, ווי וועלען אונזערע קינדער וועלכע זאָלען בע־שטימט צו זיין די פיהרער פון יודענטהום אויסאיבען זייער איינפלוס? אויף וויפיעל וועלען זיי זיין אידען אדער ניט אידען?

אויף אונז אַמעריקאַנער אידען איז געפאַלען דער גורל צו געבען דעם אידישען פאָלק די גרויסע פיהרער, וועלכע זאָלען אויפלעבען דאס אידישע פאָלק אדער, חלילה, עס אָבטויטען און אויף אונזער געוויסען פאַלט דער חוב אויפצוהויבען א גרויסע, מעכטיגע בעוועגונג געגען דער געפעהרליכער גלייכ־גילטינקייט צום קינפטיגען אידענטהום.

מיר מיינען דא ניט אריינצובּרענגען נייע אַנשויאונגען אדער איבּער־צייגונגען. מיר ווילען בּלויז אויפמערקזאם מאכען, אז מיר מוזען אַנווענדען די גאנצע ענערגיע אום צו ערציהען א געזונטען, אינטעלעקטועלען, און ועל כולם א י ד י ש ע ן ד ו ר.

שוין צוויי טויזענד יאהר ווי דער איד וואנדערט אין גלות, מאכט נייע היימען און דאָך שאפט ער אומעטום גרויסע צענטערס פון וועלכען דאס פאלק ציהט די השפּעה. פיעלע שונאים האָט דאס אידישע פאלק געהאַט, שונאים פרעמדע און שונאים אייגענע, און דאָך איז עס געבּליבּען לעבּען און בּליהען.

אין וואס ליעגט אָבּער דער סוד פון אונזער מאכט וואס האלט אזוי גלענצענד אויף אונזער קיום העם והיהדות?

דער אנטוואָרט איז:

די אויפריכטיגע און זארגפאלע ערציהונג פון אונזערע קינדער.

דאס אידישע פאלק האָט אין זיין לאנגער פערגאנגענהייט אימער אויפ־געפּאסט אויף די ערציהונג פון דער יוגענד, און ניט בּלויז די ספּעציעל אידי־שע ערציהונג נאר די אלגעמיינע מענשליכע ערציהונג און וועלטליכע בילדונג האָט בּעשעפּטיגט דעם פאלקס מוחות.

דא אין אונזער נייעם גלות שווימט די אידישע און אלגעמיינע ערצי־הונגס פּראָבּלעם אמשטארקסטען ארויף. די נייע סביבה איז גאנץ אנדערש ווי די אלטע, און א גרויסע התחייבות ליעגט אויף יעדען איד צו ערציהען זיין קינד אלס מאָדערנעם מענשען און איבּערגעגעבּענעם איד.

דער איד אבּער האָט דא קיין מעגליכקייט זיך אבצוגעבּען מיט חקירות ודרישות וועגען ערציהונג און אזוי ווי קיין גענינגענדע ליטעראטור אין דער

פאלקס־שפראך איז אויף דעם געביעט ניט פארהאן, לאזט ער די פראגע אין גאנצען אַן א זייט און בענוגענט זיך דאמיט וואס דאס קינד בעזוכט א פאבליק סקוהל און פיעלייכט אויך דעם חדר.

מיר מיינען דא ניט בלויז די אנגעוועהטאגטע מכה פון אידישע ערציהונג, וועלכע מיר בעמיהען זיך אין דיעזען בוך פארזיכטיג און עהרליך צו בע־האנדלען, נאר אויך די מכה פון דער אלגעמיינער ערציהונג וואס איז ביי אונז זעהר פערנאכלעסיגט און אבגעלאזען.

די לעצטע יאהרען איז די אלגעמיינע ערציהונגס פראגע געווארען א קאמפליצירטע פראבלעם אויף וועלכער עס זענען געשאפען געווארען פיעלע טהעאריען.

ביי אונז אידען האָט מען אויך פיעל דיסקוטירט די פראגע און אבוואהל קיין נייע טהעאריען זענען ביי אונז ניט געשאפען געווארען, האָבען זיך אבער געלאזט הערען שטארקע בעגרינדעטע ארגומענטען פאר די אדער יענע סיס־טעם. דאס פאלק, די אלגעמיינע מאסען זענען אבער מיט דער זאך געבליבען גאנץ וועניג בעקאנט. דאס שווערע פראבלעם ווי אזוי צו ערציהען דאס קינד אלס מענש און איד איז נאָך פאר די מאסען פונקט אזוי דונקעל ווי געוועזען. די אידישע ליטעראטור וואס פערמאגט בלויז איין ביכעל איבער אידישע ער־ציהונג און צוויי איבערזעצונגען וועגען אלגעמיינע ערציהונג איז ווי א טראפען אין ים נעגען די צאָהל אין אנדערע שפראכען.

דאס אידישע פאלק פערליערענדיג זיין באָדען און נארמאלען לעבען האָט געבראכט די ערציהונג צו א גאנץ שווערען פונקט, ווייל אויף יעדען נייעם אָרט זענען די אומשטענדען און מעגליכקייטען פערשיעדען און דער איד בע־

מיהענדיג זיך צו פערוואָרפען דאָס אַלטע און צוצופּאַסען זיך צו דאָס נייע בלייבט אַ קרח מכאן וקרח מכאן.

די ערציהונג, די אַלגעמיינע און אידישע, פּערליערט איהר געזונדען באַזיס און בלייבט אָהן אַ גענויער און אויסגעהאַלטענער סיסטעם. יעדער פּראַקטיצירט אַנ׳אַנדער מעטהאָדע און עס פעהלט די איינגעאַרטיגקייט און אייניהייטליכקייט אין דעם צוזאַמענבונד פון דער אידישער יוגענד.

מיר מיינען ניט צו פּערזיכערען אַז אונזער בוך האָט די ריכטיגע לעזונג פאַר די שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, אָבער אַמוועניגסטענס, ערוואַרטען מיר דורך דיעזען בוך צו בעלייכטען די פראַגע און ברענגען דעם לעזער נעהענטער צום נאַכדענקען וועגען דער לעזונג.

אגב, גלויבען מיר, וועט עס פּיעלייכט זיין, אויב ניט אַ פּאַלקאָמער, איז אַ קורצער האַנד־בוך דעם אַלגעמיינעם אידען פאַר וועמען עס שוועבען נאָך אין איהר גאַנצער דונקעלהייט די פּראַגען, אין וואָס עס זאָל בעשטעהן די ערציהונג פון דער יוגענד און ווי צו ערציהען דאָס קינד פון זיין פריהסטער יוגענד אָן צו זיין פאָלק, צו אַכטען זיינע מיט־מענשען און ניט צו קוקען מיט פּעראַכטענדע בליקען אויף די עלטערען, די זאָגענאַנטע „גרינהאָרנס״. און מעגליך, אַז עס וועט פּיעלייכט דעם ערציהער בעוועגען צו ענדערען זיינע ערציהונגס־מיטלען און זיך שטעלען אין אַ נעהנטערען צוזאַמענבונד מיט די קינדער.

אין אונזער בוך ווערט איבערגעבען דער תמצית און געשיכטע פון דער אידישער ערציהונג ביז דעם חורבן בית שני. מיר בעמיהען זיך צו לעזען די שווערע פּראָבלעמען פון דער אידישער און אַלגעמיינער ערציהונג; מיר וויי־זען אָן די פּעלערהאַפטע זייטען פון אונזער היים און ערציהונגס־אַנשטאַלט,

די וועגען ווי, לויט מיר גלויבען, זיי צו פערבעסערען און בכלל ווי אזוי צו ערציהען אונזערע קינדער אלס מענש און אויך אלס איבערגעגעבענער איד.

און מיט שטארקען גלויבען, אז דאס אמעריקאנער יודענטהום וועט אויפנעהמען די פראגע פון דער ערציהונג פאר אונזערע קינדער אין איהר גאנצער מאס; מיט האפען דאס אונזער בוך וועט העלפען דעם אלגעמיינעם איד צו ברענגען די ערציהונג פון זיין קינד אונטער א סיסטעמאטישער ארדנונג, טרעטען מיר צו מיט דער הילף פון אונזער ערפאהרונג און גוטען וואונש צו דער אויסגאבע פון דיעזען בוך, וועלכער שטרעבט ארייצוברענגען אנ׳אויפ־לעבונג אין דעם אידישען און אלגעמיינעם חנוך פון דיעזען גלות־לאנד.

יצחק אונטערמאן (בר חיים)

אין העולם מתקיים אלא
בשביל הבל תינוקת של בית רבן.
(שבת קי"ט. ב'.)

ב.

דאס פראבלעם

וואס טהוט מען מיט אונזערע קינדער? — אָט דאס איז דער הופט־שטריך פון דעם גרויסען פּראבּלעם.

דער איינגעוואַנדערטער איד ווערט אין זיין נייער גלות־היים ארומגערינגעלט מיט א כמארע פון שווערע פּראבּלעמען — פּראבּלעמען וואס האָבען אויף זיך דעם ספּעציעלען אידישען שטעמפּעל, און ווי שווער די זעלבע פּראבּלעמען זאלען ניט זיין פאר אלע אנדערע איינגעוואַנדערטע נאַציאָנען איז עס אָבער פאר דעם אידען פיעל שווערער, טאַקע נאָר דערפאר וואס ער איז אַ איד. צווישען די אַלגעמיינע פּראָבּלעמען געפינען זיך גאַנץ שווערע און קאָמפּליצירטע, וועלכע פּרעסען שטארק דעם אידען אין די ערשטע יאהרען פון זיין איינוואַנדערונג, אבער מעהר פון אלע פערנעהמט אין זיין מח פּלאַץ די פּראבּלעמע: „וואס טהוט מען מיט אונזערע קינדער?"

דער איד שטעהט און קוקט מיט שמערץ אין הארצען, ווי די קינדער ווערען פון איהם אבגעריסען, ווי דער צוזאמענבונד צווישען פאטער און קינד ווערט אָבגעשוואַכט, ווי די השגחה און איינפלוס אויפן קינד ווערט אבגעשניטען; דער פיער טויזענד יעהריגער בוים מיט זיינע ווארצלען אין דער אייביגקייט און צווייגען איבער דער גאנצער וועלט הויבט אָן פוילען און עס צופאַ־

לען זיך פון איהם אויך פיעל גרינגע בלעטעלעך; מען האקט פון אייביגען בוים א צווייג נאָך א צווייג, וואס וועט אָבער פון איהם בלייבען?

דאס אידישע פאלק, דער אייביגער בוים האָט ווארצלען טיעפע, גאַנץ טיעפע, אָבער צופוילען ניט אמאהל אויך די ווארצלען? . . .

ווער ווייסט וואס דארטען אין דער טיעף טהוט זיך, ווער ווייסט צו די ווארצלען האָבען גענוג זאפט און גענוג לעבען . . .

גרויסער גערטנער, וואו ביזט דו?!

גרויסער שומר, וואו ביזט דו?!

די ערציהונג, דער אידישער גייסט — דאס איז דאָך אימער געווען דאס איינציגע וואפען אנטקעגען די ווירקענדע קרעפטע פון אונזער לאנגען גלות, דאס איז דאָך געווען דער שטארקער ווארצעל, וועלכער האט אימער געגעבען די שפּראצונג און בליהונג פון פאלק, און וואס טהוט מען דערצו?

מען שרייט צוביסלעך, מען בייזערט זיך כלומרשט. און ווייטער?

מען חקרנ'ט, מען פלפול'ט: פאלעסטינא, עברית בעברית, רעפארם, אי־דישע שפראך, אבער וואס זענען די רעזולטאטען?

נעשריעבענע פאפיער.

פיעלע טויזענדער אידען שטעהען אין געפאהר צו פערלאזען די אידישע מחנה און קיין איד ווערט ניט גערעטעט, קיין איין אידישע נשמה קומט ניט נעהענטער צו איהר פאלק.

דאס אידישע פאלק האָט א גרעסערען יסוד ווי ראדיקאליזם און רעפאר־

מאציאן. ניט איין מאָהל איז דאס פאלק געווען אין געפאהר פערשלונגען צו ווערען פון א פרעמדער קולטור און דאָך האָט עס זיך געראַטעוועט. געראַטעוועט און נאָך ארויס א זיעגער. אבער ניט דער אידישיזם, ראדיקאליזם, אדער אפילו געמישט מיט נאַציאנאליזם איז געווען דער יסוד אויף וועלכען די ווידער אויפלעבונג, די „תחית העם" האָט זיך געשטיצט. דאס אידישע פאלק איז אימער געווען בעפעסטיגט אויף זיין גייסט און נשמה, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט גלויבען און נאציאנאלען בעוואוסטזיין. די האָפענונג פון ווידער אויפלעבונג אין ארץ ישראל תחת כנפי השכינה איז געווען דער סם החיים וואס האָט אזוי לאנג אויפגעהאלטען דעם קיום היהדות און נאר דיעזעס קען אונזער עקזיסטענץ אויך ווייטער אויפהאלטען.

דאס אומגליק איז וואס מען האָט מורא אריינצוקוקען אין דעם תוך פון דער זאך, אין דעם ערשטען מקור; מען האָט ליעב צו זעהען בלויז דאס אויבערשטע, דאס פערטיגע וואס לאזט זיך ווענען דער פראבלעמע זאגען. רעליגיאן — מאן דבר שמיה, דאס איז ניט פראגרעסיוו, ניט גענוג מאָדערנע. מען קען נאָך פערוואָרפען מיט שימפף־ווערטער: רעאקציאָנער, פאנאטיקער און נאָך אזוינע שעהנע ליטערארישע אנטיקען. אמת, דאס ווערט געטהאן אינסטיקטיוו, אונבעוואוסטזיניג, אבער דאס פאסט זיך זעהער שטארק צו דער פאזיציע וואס די גרעסטע טהייל פון אונזער פרעסע און קריטיקער פערנעהמען אין דער לעזונג פון דער שווערער פראבלעמע.

ביי די איינגעוואנדערטע פון אנדערע נאציאנען געהט אויך אָן דער פראצעס פון דערווייטערונג, פון ענטפרעמדונג צווישען דעם אלטען אריבערגעקומענעם און נייעם דור, דאָך איז ביי זיי דער ריס ניט אזוי שטארק און בולט. די עלטערען קענען ניט נאָכהאלטען די קינדער אויף דעם וועג פון אמערי־

קאַניזירונג, אָבער די נשמות בלייבען צוזאַמענגעבונדען. מעגליך, אַז דאָס קינד האַלט זיך גרעסער פון פאָטער דאַמיט וואָס ער פיהלט זיך מעהר אַמעריקאַנער און פערשטעהט בעסער ענגליש, אָבער מיר הערען ניט, אַז די יוגענד זאָל אין אַ גרויסער צאָהל פערלאָזען דעם פאָלק. די אַנדערע נאַציאָנען האָבען שטאַרקע פעדים וואָס בינדען זיי צונויף, דאָס איז די רעליגיאָן, די קירכע, דאָס גלויבען, דאָס האָפען, די שפּראַך, די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע סביבה אין הויז, און אָט די פעדים מוזען מיר אויך אָנהאַלטען און פערשטאַרקען.

מיר זעהען פאַקטיש, אַז ביי די קינדער פון אַנדערע נאַציאָנען וועלכע זענען געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין אַמעריקא בלייבט דאָך פונדעסט־וועגען אַ סימן פון נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע צוזאַמענגעבונדענהייט מיט די עלטערען אפילו ווען די קינדער זענען שוין ווייט אַוועק אויף דעם געביעט פון אַמעריקאַנער קולטור. דער אַמעריקאַנער דייטש, פראַנצויז, אָדער שוועדישער, וועט אפילו אין דריטען אָדער ווייטערדיגען דור שטאָלצירען, וואָס ער איז אַ פראַנצויז, דייטש אָדער שוועד. פערקעהרט וואָס מעהר דאָס קינד ווערט אַמעריקאַניזירט אַלץ מעהר ווערט עס געניינגט צו רעליגיאָן און רייסט זיך קיינמאָהל ניט אָב פון דעם פאָלק וואָס האָט אין איהם די רעליגיאָן אין זיין יוגענד איינגעפּלאַנצט.

איבערצוועהן פון איין נאַציאָן צו דער צווייטער איז אַ פּראָצעס פון פיעלע דורות. יחידים קענען עס מעגליך טהאָן אין אַ שנעלערע צייט, אָבער אַ גאַנץ פאָלק, ספּעציעל ביי דעם אידישען פאָלק מוז עס נעהמען פיעלע, פיעלע דורות, און ווען מען זאָל נאָר זיין בכח איינצופּלאַנצען די אידישע רעליגיאָן מיט איה־רע טראַדיציאָנען, ווען מען זאָל נאָר די יוגענד געבען אַ ריכטונג און אידעאַלע שטרעבונג, איז אונזער צוקונפט אין דיעזען לאַנד שוין גאָר ניט קיין שווארצע.

די אידישע קינדער ווערען שנעל פערפרעמדעט פון זייער פאלק, כמעט נאך איידער זיי האבען צייט אין זיך איינצוזויגען דעם אמעריקאנעם גייסט, ווייל די היים בינדט זיי מיט קיין זאך ניט צו, די היים איז פאר זיי פוסט אהן אנ'אינהאלט און אהן א נשמה.

די מאסען אונזערע האבען די פראבלעמע שוין געלעזט. זיי האבען איבערגעריסען יעדען פאדעם וואס האט זיי צונויפגעבונדען מיט דער אידישער פערגאנגענהייט און צוקונפט. אלס מזוזה, וואס זאל זיי בעשיצען געגען זייערע קינדער האבען זיי אויפ'ן טהיר אויפגעהאנגען דעם ראדיקאליזם. אנדערע זענען געווען מעהר פארזיכטיג און האבען די מזוזה אנגעטהאן אין א גאלדען שיידעל פון נאציאנאליזם. האט עס געהאלפען? זענען זייערע קינדער ניט פערפרעמדעט געווארען?

זיי האבען געשאפען מעהר גרינדע און אורזאכען פאר וואס זייערע קינ־דער זאלען זיי האסען בתכלית השנאה. זייערע קינדער ווי אלע אנדערע לער־נען פון זייערע חברים אין סקוהל און אויפן גאס די רעליגיעזע זייט פון אמע־ריקאנער פאלק, און האלטען עס אלס „גרינהארענישען" און שלעכטען שריט, וואס זייערע עלטערען האלטען ניט פון קיין רעליגיאן און שרייען ביז צום הייזעריג ווערען, אז עס איז ניטא קיין גאט. עס איז ביי קיינעם קיין נייעס צו הערען ווי קינדער פון אזוינע עלטערען פרעגען מיט פערדרוס פאר וואס זיי, די עלטערען געהען ניט אין „טשוירטש" און פאר וואס זיי שיקען ניט די קינדער אין „סאנדיי סקוהל".

ג.

די לעזונג פון דאס פראָבלעם.

האָט דאָס פראָבלעם א תרופה? קען מען לעזען די פראגע אָט דא אין נייעם גלות לאנד?

מיר וועלען זיך גאר ניט שרעקען קעגען אונזערע קריטיקער און זאגען, אז די איינציגע תרופה, וועלכע קען ווירקליך לעזען דאס פראבלעם פון אידישע ערציהונג אין דיזען לאנד איז אונזער רעליגיאן און תורה.

מיר ווילען ניט נעהמען אויף זיך די אויטאריטעט און אנטהאן א מאנ־טעל פון א נביא און שרייען ווי דער זעליגער י. ל. פרץ ז״ל „צוריק אין שוהל אריין!״ מיר זענען נאָך זעהר יונג אין פערגלייך מיט די אנדערע ווארטס זא־גער און פעדאגאָגען און פערמאָגען ניט גענוג איינגעשאפטען, אבער מיר מוזען זיך מודה זיין, אז נאָך א לאנגער שטודירענדער ערפאהרונג האָבען מיר קיין אנדער תרופה ניט געפונען.

דאס אידישע קינד ווערט פון אונז אבגעריסען, ווייל עס איז אין זיין יוגענד איינגעשלאסען אין דער קריסטליכער רעליגיעזער סביבה; דאס אידישע קינד לעבט און דענקט אין די פאנטאסטישע קריסטליכע לעגענדען, פאעמען און מעשה׳לעך; דאס אידישע קינד פערשטעהט, לעבט, דענקט און פייערט בלויז אין די קריסטליכע נאציאנאלע און רעליגיעזע פייערטעג; דאס אידישע קינד זעטיגט זיין זוכענדע און בענקענדע נשמה מיט דער בעגייסטערונג פון

די קריסטליכע היילינגטהימער, מיט דער ליעבע פון דער קריסטליכער תורה און מיט דער שעהנער און ערהאבענער קריסטליכער מאראל — וועלכע אנדערע קראפט קען דאס קינד בעשיצען פון אזא מעכטיגען איינפלוס, אויב ניט די אידישע רעליגיאן, וואס איז דער יסוד פון'ם אייביגען אמת, דער גרונד פון דער מענשליכער מאראל און דער קוואל פון דער אלוועלטליכער ציוויליזא־ציאן?

א אידיש קינד וואס לעבט אין א אידישער ספערע, לערענט די אידישע תורה, וויים די אידישע געשיכטע און פערשטעהט די אידישע ליטעראטור וועט קיינמאהל ניט פעראכטען זיינע עלטערען. אזא אידיש קינד וועט קיינ־מאהל ניט פערגעסען וואס עס איז אזוינס אידישקייט און פאר וואס ער איז א איד, פונקט ווי קיין נארמאלער מענש ערצויגען און אויפגעהאדעוועט אונ־טער נארמאלע אומשטענדען וועט ניעמאלס פרעגען פאר וואס ער איז ע ר און ניט קיין אנדערער. אזא קינד איז מיטגעוואקסען מיט זיין נשמה, מיט זיין גייסט און מיט זיין כאראקטער. דאס אידישקייט איז איינגעוועבט אין זיינע געפיהלען, געדאנקען און נייגונגען — אין זיין גאנצען א י ך.

אוועקנעהן פון אידישען פאלק קען נאר אזוינער וואס איז ניט בעלויכטען מיט דעם פייער פון דער אידישער רעליגיאן, פון אידישען גייסט און פון דער אידישער פערגאנגענהייט.

פערלאזען דאס אידישע פאלק, הייסט פערלאזען דעם אייגענעם א י ך, נעהמען און אבמעקען פון זיך דעם שטעמפעל, וואס א גרויסע פערגאנגענהייט האט ארויפגעלעגט אויף דער נשמה, און דאס איז אונמעגליך ווען די נשמה איז פעסט צוזאמענגעבונדען מיט דער ערהאבענער אידישער רעליגיאן, וואס

האָט מיט זיין גייסטיגען כח פיעלע געטער און פעלקער, לענדער און קולטור־
רען אריבערגעלעבט.

ווען א אידיש קינד זאָל וויסען, זאָל האָבען אפט געהערט פון די עלטע־
רען און זאָל האָבען געלערענט אין א רעליגיעז־נאַציאָנאַלער תלמוד תורה, אז ער שטאַמט פון א פיעל טויזענד יעהריגען אלטען פאלק, וואס האָט געגע־
בען דער וועלט רעליגיאָן, מאָראַל און פיליכט אויף די קולטור; אז ער שטאַמט פון א פאלק וואס האָט געשפּיעלט א גאַנץ גרויסע ראָליע אין דער וועלט־געשיכטע; אז ער שטאַמט פון א פאלק וואס קעמפּפט פאַר דער פאלקס־עקזיסטענץ און ציהט פון דעם קאמפף געזונטע כחות און בעגייסטרונג; ווען ער זאָל לערנען פון דעם העלדענמוט פון די מאַקאַבעער, פון דער זעלבסט אויפּאָפּפערונג פון אידישע אידעאַלען, פון אידישע מאַרטירער, און פון אידען וואס האָבען זיך געלאָזט אַנטהאַן ענוים קשים צוליעב א תוגו של יוד — ווען דאס זאָל טיעף איינגעפלאַנצט ווערען אין דעם קינדס ריינער נשמה, וואָלט עס איהם אהן ספק געוועזען א זיכערער פערהיטונגס מיטעל ניט פערשלונגען צו ווערען אין דעם תהום פון די פרעמדע וועלטען.

רעליגיאָן איז די קוועלע פון קינדס מאָראַלע ענטוויקלונג, נאַציאָנאַליזם איז דער וועג צום קינדס אייגענאַרטיגקייט, געשיכטע איז דער יסוד צום קינדס זעלבסשטענדיגקייט, ליטעראַטור איז דאס פייער פון קינדס גייסט און אלעס צוזאַמען בילדעט דאס געוועב פון דער קינדערישער נשמה בע־
פעסטיגט אין א געזונטען אינהאַלטסרייכען געבוי.

א אידישע ערציהונג אהן רעליגיאָן אלס יסוד, מעג זי זיין א נאַציאָנאַלע קען ניט ערציהען קיין פאלקאָמען אידען. א ריינע נאַציאָנאַלע ערציהונג אהן אמת׳ע אמונה האָט קיין ממשות ניט. דאס אויסערליכע לעבען פון אידישען

פאלק קען פיליכט רעפארמירט אדער געענדערט ווערן, אבער ניט דאס אי־נערליכע, און דאס אינערליכע לעבען פון פאלק איז איהר נשמה, איהר גייסט, איהר אמונה און איהר האפען אין דער נאציאנאלער ווידער אויפלעבונג. די אידישע רעליגיאן האט אימער שטארק בעהערשט דאס אידישע אינערליכע לעבען און אויך אוועקגעלייגט א דיקען שטעמפעל אויף אלע אנדערע עלע־מענטען, וואס שטעלען צוזאמען דאס אידישע אינערליכע לעבען.

ווען איהר פלאנצט איין א שטארקען גלויבען אינ'ם הערצעל פון קינד; ווען איהר געוואהנט אייער קינד זיך צו פיהרען אידיש, צו געהן אין טראדיציא־נאלען וועג, אבצוהיטען די רעליגיעזע מנהגים, פיהלט ער אויף יעדען טריט, אז ער איז א איד, אז ער האט א שייכות צו די איבעריגע פון'ם פאלק און אז זיינע פפליכטע זענען גאנץ אנדערע און פערשיעדענע ווי די פון די קינדער מיט וועלכע ער קומט אין געזעלשאפטליכע בעריהרונג.

די בלויזע נאציאנאלע ערציהונג, אדער אפילו ווי אנדערע ראדיקאלען מאכען א קאמפראמיס מען זאל לערנען רעליגיאן אלס נאציאנאלען, קולטור־רעלען, היסטארישען ווערטה, איז א גאנץ שוואכע רפואה פאר דעם נייעם באדען — אמעריקא. די אלע למודים וואס קענען דא אין בעסטען פאל געגעבען ווערען זענען ניט גענוג בכח אויפצוהאלטען די שטארקע מחיצה, וואס איז נויטיג אויפצושטעלען צווישען דעם אידישען קינד און קריסטליכען איינ־פלוס. עס פעהלט אין זיי די ממשות'דיגע זייט וואס זאל האלטען צוגעבונדען צום אידישען פאלק און ווערען אנ'איינגעבוירענער גליעד פונ'ם שטארקען פאלקס־קערפער.

די ליעבע וואס די למודים וועלען איינפלאנצען אינם קינד קען ניט זיין

קיין דויערהאפטע, ווייל עס וועט בלויז זיין א פלאטאָנישע ליעבע אָהן א ממשות'דיגען צוזאמענבונד.

וואס מיר זענען מחויב איז צו מאכען אונזער קינד פאר א פאלקאמען אידען; אהן טהעאריען און אהן פלפולים. מיר דארפען א דור, וואס זאל זיין אידען, ניט נאציאנאלע־ראדיקאלען, אדער רעפארמער, א דור וואס זאל זיין צו־זאמענגעקניפט מיט דער תורה און אמונה. ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא! — אידענטהום אהן רעליגיאן קען ניט עקזיסטירען לאנג, ווייל עס איז ווי א קערפער אהן א נשמה. דאס גאנצע דענקען און פיהלען פונ'ם אידען מוז זיין דורכגעוועבט אין א נאציאנאלען און רעליגיעזען וועב. אלעס וואס סירט אין דער אידישער רעליגיאן און אין דער נאציאנאלער אויפלעבונג, — וואלט דער צוקינפטיגער דור אהן ספק געווארען אנ'איינפלוסרייכער טהייל פון גאנצען אידישען פאלק.

וואלט יעדער איד געזארגט דאס זיינע קינדער זאלען זיין פעראינטערע־סירט אין דער אידישער רעליגיאן און אין דער נאציאנאלער אויפלעבונג־ וואלט דער צוקינפטיגער דור אהן ספק געווארען אנ'איינפלוסרייכער טהייל פון גאנצען אידישען פאלק.

דאס אומגליק פאר וואס דער נייער דור איז אזוי ווייט פון אונז ליעגט אין פערווארפען פון זיך דאס נויטוועדיגסטע, וואס גראדע דא אין נייעם לאנד וואו עס נויטיגט זיך א מעכטיגע קראפט אויפצוהאלטען דאס אידישע לעבען ווערט די רעליגיאן אמוועניגסטען געאכטעט און אבגעהיט.

די פראבלעמע, נאך אונזער מיינונג, איז ניט הויפטזעכליך אויף וועלכע יסודות, צי נאציאנאלע, צי ראדיקאלע אדער רעליגיעזע מען זאל ערציהען אונזער קינד, נאר ווי אזוי צו שאפען די נאציאנאלע־רעליגיעזע סביבה פאר דעם קינד, ווי אזוי צו סיסטעמאטיזירען די ערציהונגס מיטלען און ווי אזוי אוועקצושטעלען אונזער ערציהונגס־אנשטאלטען אויף געזונטע און פעסטע יסודות.

ד.

די ערציהונגס מיטלען.

די אידישע סביבה קען קודם כל געשאפען ווערען נאר דאן ווען די היים פון קינד זאל ניט זיין אין געגענזאץ פונ'ם קינדס דענקען. די היים מוז ענטהאלטען אין זיך א לעבען, וואס זאל דורכאויס הארמאנירען מיט דעם קינדס לעהרע, און די פיהרונגען פון די ערציהער מוזען דורכאויס זיין אין איינקלאנג מיט דעם קינדס ערציהונג.

ביי אונזערע ערציהער, זאל זיי צו קיין גנאי ניט זיין, איז מעהר ניט פארהאן דער אידעאל ארויסצוגעבען גדולים בישראל, בני תורה וואס זאלען בעלייכטען דאס לעבען אין גלות, אידען וואס זאלען זיין איבערגעבען מיט לייב און זעעל דעם אידישען פאלק און די אידישע אמונה, אידען עהרליכע און אויפריכטיגע וואס זאלען זיין א מוסר השכל פאר אנדערע פעלקער. דא זענען די אידען פערנומען מיט גאנץ אנדערע זאכען, מיט נייע עקורים, און אידעאל איז בלויז א טפל, א ביי־זאך מיט וועלכע עס איז גענוג זיך צו בעשעפטיגען אין פרייע מינוטען, אין מינוטען פון גנעזעלשאפטליכער אונטערהאלטונג אדער הערץ־בענקעניש. ווען עס קומט די צייט צו געבען דעם קינד א אידישע ערציהונג בענוגענט מען זיך דאמיט וואס מען גיט דאס קינד איבער צו א רבי'ן, וועלכער איז אפטמאהל גאר ניט פעהיג צו זיין ארבייט און האט ניט קיין מעטהאדע און סיסטעם ווי אזוי דאס קינד צו לערנען. געוועהנליך האט דאס קינד קיין רעספעקט און אכטונג צו אזא מין למוד און ווי ער קומט נאר

אריבער די שווערע מינוטען פון דער געצוואונגענער לעהרע ווארפט ער עס ארויס פון זיין מח און רייסט עס ארויס פון זיין הארצען.

דא אין אמעריקא האָבען זיך די אידען געשאפען א כלל, אז „א טאטע מעג אלעס״ און אויף דעם כלל ווערט געבויט די ערציהונג. דער פאטער זעלבסט געהט ניט אין שול, היט ניט אב קיין שבתים און יום טובים און דאך וויל ער אז דאס קינד זאל מיט געוואלד דאס אלעס טהאן און האלטען פאר היילינ.

אויב א פאָטער געשטיצט אויף דעם כלל טהוט כל דבר שבעולם קען דאס קינד ניט זיין בעסער פון איהם און ער פלאנצט דאמיט איין אין די קינדערס הערצער א האס צום אידענטהום און א פעראכטונג צו די עלטערען פאר זייערע אונגערעכטע האנדלונגען.

עס איז נויטווענדיג, אז די עלטערען זאלען זיך פיהרען נאָך דעם זעלבען אידישען גייסט וואס זיי דענקען צו פערפלאנצען אין זייערע קינדער. יעדער טהאט און בעוועגונג מוז געמאָסטען און געוואויגען ווערען אז עס זאל ניט קומען אין קאָנפליקט מיט דעם קינדס דענקען. יעדע טהאט פון די עלטערען מוז געננוי אויסגעטייטשט ווערען צו די קינדער, אז עס איז ניט קיין צבועטסוואָ, נאר א רעזולטאט פון די שלעכטע אומשטענדען און קאָנדיציאנען פון גלות. די אידישע היים מוז מיט זיך פארשטעלען א קליין אידישוועלטעל מיט א אידישער פארם און אינהאלט. עס מוז אין דער אידישער היים אין גאנצען אב־געמעקט און אבגעווישט ווערען דאס פ ר ע מ ד ע פון אונזער קינד׳ס נשמה און עס מוז געשאפען און אויפגעבויט ווערען די א י ד י ש ע נשמה פון אונזערע קינדער.

דאס שאפען די אידישע סביבה צוזאמען מיט די הויזליכע אידישע ערציהונג מוז זיך אנפאנגען גלייך אין קינדס פריהלינגס־יאהרען. ווען דאס קינד איז נאך יונג, ביי געבוירען קען מען וועקסלען זיינע זיטען, ענדערען זיינע נייגונגען פון שלעכטעס צו גוטעס, פון פערדארבענהייט צו שענהייט און פערוואנדלען א „עיר פרא" אין א „איש המודות".

ווען דאס קינד האט אבער שוין איבערגעטרעטען די קינדערישע יאהרען, דאן האט שוין די מענשליכע האנד איבער איהם קיין שליטא ניט, ער וואקסט שוין ווי די נאטור בעפעהלט און עס איז שווער אריינצובריינגען א פערבעסערונג אין זיין דענקען און מאראלישע אויפפיהרונג. דערויף בעציהט זיך דער „חנוך לנער על פי דרכו" (משלי כ') — הויב אן די מאראלישע און גייסטיגע ערציהונג אין זיי פריהערסטער יוגענד וועט עס אויך שפעטער פון איהם ניט פערשווינדען.

אין די היינטיגע צייטען, און אין דער אמעריקאנער אטמאספערע, וואו אלע אלטע פארמען און טראדיציעס וועלכע האבען אונז פיעלע דורות געהאלטען אין בעשטימטע גרעניצען פון דעם אידישען מאראלישען און גייסטיגען לעבען ווערען אונבארעמהערציג צושטערט דורך דער פרייער ראדיקאלער פארשונג און קריסטליכער סביבה, וואו אונזער יוגענד געניסט בלויז די בילדונג פון פרעמדע מאראל און זענען זעהר ווייניג בעקאנט מיט דער גרויסקייט פון די אידישע נשמה ווארפט די אידישע ערציהונג פון אונזערע קינדער אויף אונז ארויף שווערערע אויפגאבען און פפליכטען ווי אירגענד ערגעץ אנדערש וואו.

אין דער אלטער שוהלע אין אייראפא, דאס הייסט אין חדר, ישיבה, קבוץ האט דאס קינד געשעפט זיין מאראלישען און גייסטיגען אינהאלט פון תנ"ך, תלמוד און אנדערע ספרים. נאך זיין פריהלינגס־צייט האט דאס קינד זיך שוין

אויסגעלערענט טיעפער אריינצודרינגען אין די געפיהלען, וואס זענען די וויכ־טיגסטע ראליען אינ'ם איינצעלנעם און אלגעמיינעם לעבען פון די מענשען פון זיין פאלק. דער פאָטער האָט אין אזא פאל בעדארפט בלויז ווידמען זיין ענערגיע ביז דאס קינד איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר, ווייל נאָך דער עלטער האָט זיך דאס קינד שוין געצויגען נאָך דעם שטראם פון זיין פערגאנגענהייט. דא אבער, אין דער נייער סביבה מוז דער פאָטער אָנווענדען די שטארקסטע ענערגיע ביז דאס קינד ווערט פאלקאם זעלבסטשטענדיג אין איהם איינצו־פלאנצען גרונדליך דאס אידישע הארץ און די אידישע נשמה.

די אידישע ערציהונג־פראבלעמע איז א שווערע פאר'ן גאנצען כלל, אָבער נאָך שווערער איז זי פאר'ן יחיד, און אום איהר צו לעזען מוז דער יחיד אָנווענדען זיין ענערגיע צו ערציהען דאס קינד אין א רעליגיעז־נאציאנאלען גייסט פון דער פריהערסטער יוגענד אָן, ווען ער טראגט נאָך ניט אויף זיך די שווארצע בענדער פון דער פרעמדער סביבה און פרעמדער קולטור.

די חכמי התלמוד, וועלכע האָבען זיך אימער בעמיהט צו בעפעסטיגען דאס אידענטהום האָבען שטרענג בעפוילען ניט צו פערנאכלעסיגען די פריה־לינגס־יאהרען פון קינד איהם צו ערציהען אין אידישען גייסט. קטן היודע לדבר אביו לומדו תורה'' (סוכה מ''ב, ב' וילקוט קדושים), „כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מדבר עמו עברית ומלמדו תורה'' (ילקוט תורה תתע''א) — גלייך ווי דאס קינד הויבט אָן צו רעדען איז דער פאָטער פערפליכטעט איהם צו לערנען העברעאיש און תורה. די פריהלינגס־יאהרען פונ'ם קינד איז די פאסענדסטע צייט פאר דער ערציהונג, אבער עס מוז זיין הארמאָניש מיט די טהאטען און פיהרונגען פון די עלטערען, ווייל א קינד האָט א געוואלדיגעס אויג און עס איז אין זיין נאטור אלעס צו בעטראכטען און צו שענקען אויפמערקזאמקייט

און אזוי שנעל ווי זיין אונשולדיגער נאאיוויטעט בעמערקט עפעס א צווייזיי־טיגע טהאט בלוטעט זיין קינדיש הארץ און פראטעסטירט. דאס קינד איז בטבע א ריכטער און וועה איז צו די ערציהער וואס ווערען דורך זייער שולד פונ'ם קינד פעראורטיילט.

ווען מיר זאגען דאס די אידישע ערציהונג מוז זיך אנפאנגען פון קינדס פריהלינגס־יאהרען דארפען מיר אבער אויך ניט פערגעסען ווי שטארק נויטיג עס איז צו האבען א פאלקאמע השגחה, אז עס זאלען ניט פערפרעמדעט ווערען אונזערע אמעריקאנער אדער איינגעוואנדערטע יונגע ערוואקסענע קינדער.

דער מעהר ערוואקסענער יונגער דור איז ביז היינט פערנאכלעסיגט גע־ווארען ניט נאר פון די עלטערען, די ערציהער, נאר זאגאר פון אונזערע ווארטס־פיהרער. פון אלע קרייזען האט מען געפרובירט זיך בעשעפטיגען מיט דער ערציהונגס־פראבלעמע און איהר פערענטפערען נאך איהר שטייגער, אבער ביי קיינע פון זיי האט זיך ארויסגעריסען א ווארט וועגען אונזער יונגען ערוואק־סענעם דור.

מיר גלויבען, דאס עס איז שוין געקומען די צייט צו בעהאנדלען אויך די פראגע וואס זאלען מיר טהאן מיט דער ערוואקסענער יוגענד אין אמעריקא? קענען מיר בעהויפטען צו פערליערען יונגע קרעפטע, וואס וואלטען אונז גע־קענט פיעל מיטהעלפען אין דער ערציהונג פון אונזער גאר ייגגען דור?

די עלטערע קינדער פון דער פאמיליע איבען אויס א גרויסען איינפלוס אויף די קלענערע קינדער. ביי אונז אין אמעריקא זענען די מעהרסטע „יאנג באיעס" און „יאנג גוירלס" מענשען פאר זיך און טראגען אפט מאהל אויף

זיך דעם יאָך אויסצוהאַלטען די עלטערען מיט די קלענערע קינדער. דאס גע־וועהנליך גיט זיי דעם פרעסטיזש אין הויז און אַנשטאט צו ווערען בעאיינ־פלוסט פון די עלטערען זענען זיי מענשען פאר זיך און נעהמען זיך נאָך די דעה איבער די קלענערע קינדער.

זעלבסט פערשטענדליך, אז דאמיט פערשווינדעט די גאַנצע הייליגקייט פון דעם אידישען פאַמיליען לעבען און די עלטערען ווערען ביי זיך נידערגע־שלאָגען און געפאַלען. דער אידישער גייסט פון הויז ווערט אזוי ארום פער־שוואונדען און עס ווירקט זעהר שלעכט אויף די קלענערע קינדער, וועלכע בע־טראַכטען זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער אלס די „קעפּ" פון דער פאמיליע און זייערע מעשים און פיהרונגען אלס די ריכטיגע.

מיר טאָרען ניט דערלאַזען דאס דער דור פון יונגע באַיעס און מיידלעך זאל פון אונז פערפערעמדעט ווערען. מיר מוזען זעהען שאפען די אידישע סביבה ניט נאר אין דער היים נאר אויך אין דעם קלוב, פעראיין א. ד. ג. וואו דער יונגער דור קומט נאר אין חברותא. דער רעליגיעזער גייסט מוז שטארק בעפעסטיגט ווערען און דאס וועט קענען זיין די געוואלדיגע קראפט וואס זאל משפיע זיין אויף די עלטערע ווי אויך אויף די אינגערע קינדער.

אין יעדער שטאדט אדער קהילה מוז געגרינדעט ווערען א רעליגיעז־נאַציאנאלע בילדונגס־ארגאניזאציאן, וואס זאל האָבען איהר אויפגאַבע צו גרינדען מאָדערנע תלמוד תורות פאר די קלענערע יונגווארג און קלובס, פער־איינען פאר די ערוואקסענע, אום דאדורך צו ענטוויקלען ביים יונגען דור א רעליגיעז־נאַציאנאלען כאראקטער.

אין פיעלע גרעסערע שטעדט עקזיסטירט שוין א זעלכע ארגאניזאציאנען. אָבער זייער טהעטיגקייט איז צו פיעל בעשרענקט און אבגעזונדערט. אזא

ארגאניזאציאן דארף פערוואלטעט ווערען סיסטעמאטיש און האבען אלס אויפגאבע צוציהען די אלגעמיינע יוגענד, איבערהויפט די אמעריקאנער יוגענד. צוליעב דעם צוועק מוז מען ארויסגעבען גוטע קינדער ליטעראטור וואס זאלען זיין שעהן אילוסטרירט מיט ביבלישע קונסט־בילדער.

די עלטערען קענען אזא ריעזיגע ארבייט ניט טהאן פריוואט. דאס דארף זיין די ארבייט פון ספעציעלע ארגאניזאציאנען צוזאמענגעשטעלט פון ארטהאדאקסישע און נאציאנאלע עלעמענטען, און זיי זאלען אויפהויבען אנ'אגיטאציאן דורך ביכער, פעריאדישע שריפטען און דורך דער פרעסע צו דערוועקען די אידישע טאטעס אראבצוואוארפען פון זיך די גלייכגילטיגקייט צו דער ערציהונגס־פראגע און זיך מעהר צו פעראינטערעסירען מיט די עקזיסטירענדע ערציהונגס־אנשטאלטען ביז זיי וועלען אוועקגעשטעלט ווערען אויפן ריכטיגען וועג.

מיר לעבען יעצט אין א אויסערגעוועהנליכע צייט און אונטער אויסערגעווענליכע אומשטענדען, דאס לעבען פאדערט יעצט א פעראייניגונג פון אלע נאציאנאלע כחות אויף דעם געביעט פון ערציהונג, מען מוז שאפען א רעליגיעזע שטימונג און מעהר ערענסטקייט צום אידענטהום, אום דאס אידישע לעבען זאל ניט בלייבען אזוי פראזאאיש ווי עס איז; עס מוז געשאפען ווערען א פאלקאמע אידישע סביבה, וואו דער יונגער דור זאל זיין פעראינטערעסירט אין דעם ריינעם אידישען לעבען; עס דארף געגרינדעט ווערען „יאנג מען אסאסיאיישאנס״ און אטלעטישע פעראיינען, וואו די יוגענד זאל ניט איינגעזאפט ווערען מיט קיין פרעמדער אמונה, און ערשט דאן וועלען אונזערע קינדער ניט בלויז פיהלען א גרויסען רעספעקט צו זייער פאלק, נאר זיי וועלען אליין זיין בעגייסטערטע קעמפפער פאר דער ווידער אויפלעבונג פון אידישען פאלק און אידישען הייליגטהום אין אייביגען אידישען לאנד — ארץ ישראל.

ה.

אונזערע אידישע טעכטער

מיר האָבען שוין בעוויזען דעם טרויעריגען מצב פון דער אידישער ער־ציהונג בנוגע אונזערע אמעריקאנער אינגלעך און מיר ווילען דא אויך אנצייגען ווי טרויעריג עס איז די לאגע אין בעצוג צו אונזערע טעכטער, די צוקונפטיגע מוטערס און ערציהעריננס.

פאר די אינגלעך ווערט ווי עס איז ביי יעדען יחיד ווי אויך ביים כלל עפעס געטהאן פאר דער אויפהאלטונג פון זייער אידענטהום. גרינדען זיך דאָך שלעכטע אדער גוטע תלמוד תורות, העברעאישע שוהלען א. ד. ג., וואו מען בעמיהט זיך איבערצוגעבען דעם אינגעל עטוואס פון אידישען אוצר הספרות. לערענט מען דאָך מיט די קינדער א שטיקעל חומש, אביסעל תנ״ך, א קאפעטשקע העברעאיש און אפטמאהל אויך עטוואס פון אנדערע למודים. אנדערש איז עס אבער מיט די אידישע טעכטער, וועלכע וואקסען אויס פאלשטענדיג אונוויסענד אין אידישע למודים און ווערען אויפגעהאדעוועט בלויז אויף דער פרעמדער קולטור.

עס איז זעהר כאראקטעריסטיש, וואס אלע קלאסען אידען זענען פעראייניגט מיט דעם מיינונג ניט צו געבען אונזערע טעכטער קיין אידישע ערציהונג. דער ארטהאדאקס האלט זיך ביי דער שלעכטער פערטייטשונג פון מאמר חז״ל כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות (סוטה כ׳ ב׳.);

דער ראדיקאל שטעהט סתם אונטער דעם איינפלוס פון די האלב געבילדעטע אסימיליאטארען ביי וועמען אידישע ערציהונג איז פערבונדען מיט „פינס־טערניש און פאנאטיזם"; דער פאלקס מענש, דער געוועהנליכער פשוט'ער איד טרייסט זיך דערמיט, וואס א מיידעל דארף לאחר מאה שנים ניט זאגען קיין קדיש און אז גאט העלפט דאס די טאכטער לערענט זיך אויס אלס קור־יאזיטעט די דיני בשר וחלב מיט ליכט־בענשען און אנדערע „וויכטיגע" זא־כען איז ער באמת איבער גליקליך.

איהר געדענקט דאך מסתמא די קולטור קאנפערענץ אין וויען מיט דריי יאהר צוריק, וואו אידען, קולטור טרעגער האבען זיך אויף א זיצונג בעמיהט צו פערטיידיגען דעם גרויסען שמד וואס געהט אן צווישען די אידען אין איי־ראפא און איבערהויפט אין אריסטאקראטישען וויען? ווייסט איהר אבער ווער די פערטהיידיגער זענען געווען און וויפיעל עס איז געווען זייער צאהל? אלע, כמעט אהן אויסנאהם זענען זיי געווען פרויען, יונגע טעכטער פון אלער־ליי סארטען קלאסען ערצויגענע אין דער קריסטליכער סביבה און אויף דער קריסטליכער קולטור, און זייער צאהל איז דוקא ניט געווען קיין קליינע.

בלויז איינע פון די פיעלע אנוועזענדע האט געפיהלט דעם אידישען שמערץ און דעם אידישען בראך און האט מיט טרעהרען אין די אויגען זיך גע־ווענדעט צו די פערזאמעלטע:

„איך ברענג אייך די בייזע בשורה, אז די אידישע טעכטער, דער שטאלץ פון אייביגען אידענטהום ווערען היינט די מאדערנע בנות מואב, וואס פערפיהר־רען די אידישע מענער און רעדען זיי איין צו דינען צום בעל פעור" . . .

„די אידישע טאכטער וויל פון קיין אידען ניט וויסען. די אידישע טאכ־טער ווערט ערצויגען אהן א גאט, אהן א פאלק, אהן טראדיציאנען און אויך

אהן עלטערן. די אידישע טאַכטער איז אימער געווען ווייט פון נאַציאָנאַלען און רעליגיעזן לעבען און איצט איז זי עס נאָך מעהרער. קיין תורה האָט מען איהר ניט געלערנט, אָבער „תפלות" שוין צופיעל"...

„אידען לערנען איצט מעהר ניט ווי א מאהל און זייערע טעכטער אודאי און אודאי ניט — דערפאר לעזען זיי אבער פיעל וועגען אלערליי „ווייסע שקלאפען", „שרעקליכע געהיימנים" און נאָך אזעלכע פערעלדיגע ליטעראַ-טור".

אָט דיעזע ווערטער האָט א אידישע טאָכטער ביי וועמען עס האָט נאָך געשפּראצט דער אידישער פונק ארויסגעזאגט אויף א קולטור קאָנפערענץ אין אייראָפּא, וואו מען האָט בלויז אין זינען געהאַט די דארטיגע אידישע טעכ-טער, וואס וואלט אבער די אמת'ע אידישע טאָכטער געזאגט אויף אונזערע אמעריקאַנער „יאונג-ליידים", וואס ווערען אונטער די בעסטע אומשטענדען ערצויגען אין א פרעמדער וועלט?

עס איז ניט נויטיג אנצוווייזען פיעל וועגען דער שעדליכקייט פון דיעזער גלייכגלטיגקייט בנוגע דער ערציהונג פון אונזערע טעכטער. דאס איז זיכער די שטאַרקסטע אורזאכע פאר וואס דאס אידישע פאלק דארף אין גלות אָנ-פיהרען אזא העפטיגען קאמפף געגען די אייגענע אנטי-נאַציאָנאַליסטען. זעל-טען ווען איהר קענט טרעפען א אידישען פאטער געבען זיין טאָכטער א נאַציאָ-נאַלע אידישע ערציהונג.

אין דער אלטער וועלט מיט די אידישע סביבה איז עס פילייכט ניט גע-ווען אזוי שטארק נויטווענדיג. דאס אידישע מיידעל האָט זיך אויסגעלערנט לעזען דעם טייטש-חומש און זי פלעגט שוין נאכהער שעפּפען איהר אידיש-קייט פון פיעל ספרים, וואס זענען ספּעציעל געשאַפען געווארען פאר דער אי-

דישער פרוי. פון וואנען זאל אבער דאס אמעריקאנער מיידעל שעפּפען איהר אידישקייט? אין דער היים זעהט זי גאנץ ווענינ אזוינס וואס זאל ווירקען אויף איהר נשמה, וואס זאל איהר הארץ צובינדען צום אידישען פאלק און איהר מאכען דענקען וועגען די אויפגאבען פון איהר פאלק; אין סקוהל לערענט מען איהר פערגעטערען פרעמדע העלדענטהאטען און קריסטליכע קדושים און דאס מיידעל וואקסט דארום אוים אזוי פרעמד פון איהר פאלק, אז ווען זי האט נאכהער קינדער ערציהט זי שוין אפילו איהרע אינגלעך אין א פרעמדען, נים אידישען גייסט.

בערויבענדיג אונזערע טעכטער פון אידישער ערציהונג, קענען מיר נים ערווארטען אז אונזערע אייניקלעך, דער נעקסטער דור, זאל וועלען פארט־זעצען די עקזיסטענץ פון אונזער נאציאן. זיי וועלען נים האבען קיין שום בעגייסטערונג פאר זייער פאלק און עס וועט ביי זיי אין גאנצען פעהלען דער חוש צו וועלען ליידען אבי צו פערבלייבען א גליעד פון אידישען פאלקס־קערפער.

קיין זאך אין דער וועלט האט נים אזא איינפלוס אויף דעם מענשענס גייסט און כאראקטער ווי די מוטער, וועלכע איז די שטארקסטע קראפט וואס איז משפיע אויף דער ווייטערער ענטוויקלונג פון קינד. דער גרעסטער פי־לאזאף און דאקטאר קענט האט אין זיינע מעמוארען געשריעבען, אז אויב ער וועט אמאהל געווינען אנערקענונג ביי דער וועלט וועט עס זיין צו פער־דאנקען זיין מוטער. אין דעם זעלבען זין האבען זיך אויך אויסגעשפּראכען פיעלע אנדערע גרויסע פילאזאפען און דענקער, נאר בעזאנדערס ריהרענד זענען די ווערטער פונ׳ם פראנצויזישען היסטאריקער מישעל, וועלכער איז אין זיין פריהערסטער יוגענד געבליבען א יתום און געלעבט אין גרוים דחקות

איידיגער ער איז געקומען צו זיין הויכער שטופע: „וויפיעל פון מיין גרויסקייט איך בין שולדיג מיין מוטער! אין יעדען אויגענבליק אין יעדער אידעע און ווארט געפין איך מיין זעליגע מוטער".

מיר קענען אויך ברענגען פיעלע ביישפיעלע פון אונזערע ביבלישע העלדען, נאר מיר ווע‏לען זיך בלויז בענוגענען און אָנצייגען אויף חנה, וועלכע האָט ווי א גוטער מלאך געוואכט איבער איהר קינד שמואל און אין איהם איינגעפלאנצט די אלע גוטע מדות צוליעב וועלכע ער איז ביי אידען בעליעבט און געעהרט אלס לעהרער און נביא.

עס איז אנ'אונבעשטרייטבארער פאקט, אז אלע גדולי הדור און נאציא־נאלע קעמפפער האָבען צו פערדאנקען דעם איינפלוס פון זייער מוטער.

די חכמי התלמוד האָבען זאגאר געמאכט א געזעץ, וואס פערפליכטעט צו געבען די טעכטער א אידישע ערציהונג. חייב אדם ללמוד את בתו תורה (סוטה כ' עא'.) יעדער מענש איז פערפליכטעט זיין טאָכטער צו לערנען תורה, און עס איז א פערדרוס צו זעהן ווי גראדע די ארטהאדאקסען און אויך נאציאנאליסטען פערנאכלעסיגען צו געבען זייערע טעכטער א אידישע ערצי־הונג. זיי גיבען די טעכטער אנ'אלגעמיינע בילדונג, איהרע בעגריעפען און אידעען ווערען פארמירט אין דעם גייסט פון דיזער בילדונג און איהר ווערט נאָהנעט צום הארצען בלויז די גוי'עשע וועלט.

מיר זעהען דאס טאקע פאקטיש, אז ניט קוקענדיג וואס די „אמעריקאַ־נער ליידים" היטען אב געוויסע רעליגיעזע מנהגים ווי כשר און טריפה, ליכט בענשען, יאהר־צייט א. ז. וו. בלייבט דאך זייער הארץ אסימילאטריש גע־נייגט און אין די מעהרסטע פון זיי איז די אסימילאציאן אזוי שטארק איינגע־

פלאנצט אז זיי שעהמען זיך, אויסער א מאהל אין זייערע איינענע ד' אמות מיט אידישקייט און מיט זייערע עלטערען און קרובים.

ווען מען האָט נאַפּאָלעאָנען געפרעגט, וואס פראנקרייך ברויכט אמבעסטען, האָט ער געענטפערט: פ ר א נ צ ו י ז י ש ע מ ו ט ע ר ס ! און דאס דארף יעדעס פאלק גוט געדענקען, ווייל די מוטער איז די פירמיטלערין צו פערבינדען דורך הייליגע פעדים דאס קינד מיט זיין פאלק און געשיכטע. אין איהרע הענד ליעגט דער גורל פון פאלק און מעהר ווי ביי אלע פעלקער איז עס ביי אונז אידען.

עס איז די הייליגע פפליכט פון יעדען אידען צו געדענקען, אז מען טאהר נים מאכען קיין אונטערשיעד צווישען די זיהן און טעכטער. דער אידישער געדאנק מוז אריינדרינגען אין די הערצער פון אונזערע טאכטער אזוי גוט ווי פון אונזערע זיהן. דא, אין דיעזען לאנד, וואו דער פאָטער איז שטענדיג פערנומען ביי דער ארבייט אדער ביזנעס און קען ניט האָבען קיין השגחה איבער די קינדער און דאס קינד געפינט זיך בלויז אונטער'ן קאָנטראָל פון דער מוטער מוזען מיר אונזערע טעכטער געבען אן רייכע אידישע ערציהונג און ניט זיין א מסתפק במועט, ווייל מיר קענען ניט ערווארטען דאס אונזער קינפטיגער דור זאל זיין א אידישער אויב די מוטערס וועלען ניט פערמאגען געגוג נאציאנאלען סענטימענט און אידישען בעוואוסטזיין.

מיר הערען יעצט גאנץ אפט דאס געשריי וואס קומט סיי פון קאָנסערוואטיווען דור און סיי פון ראדיקאלען אדער פראגרעסיווען דור, אז די קינדער פערלאזען דעם אלטען דור און רייסען איבער יעדען פאדים וואס האָט אזוי שטארק א מאהל צוזאמענגעבונדען די עלטערען מיט די קינדער. דער קאָנסערוואטיווער און פרומער איד קומט אָב מיט א קרעכץ: „נישט ווערט ביי גאָט צו

האָבּען נחת פון קינדער". אָבּער מערקווירדיג, וואס וועט דער ראדיקאל ענט־פערען? פאר וואס פערלאזען איהם זיינע קינדער, ביידע זענען זיי דאך ראדי־קאל?

דער אנטווארט איז: עס איז ניט דא דער חוט הקשר! דעם רעליגיעז־נאַ־ציאָנאַלען גייסט פּלאנצט מען אין די קינדער נישט איין, קיין אידישע גע־שיכטע לערענט מען דעם קינד ניט, קיין אידיש מיט'ן קינד רעדט מען ניט, דאס אידישע ליעדעל זינגט מען ניט, דאס שעהנע פאלקס מעשה'לע הערט מען ניט, די זכרונות פון די פריהערדיגע יאהרען דערצעהלט מען ניט, נו, איז א וואונדער וואס דאס קינד בּלייבּט פערפרעמדעט פון די אייגענע עלטערען? איז א וואונדער וואס דאס קינד בּלייבּט פערפעסטעט פון דער פרעמדער סביבה?

עס איז קיין ספק ניט, אז ווען מען זאל זיך בּעציהען מיט מעהרער ערענסטקייט צו דער ערציהונג פון אונזערע טעכטער, מען זאל ערציהען א דור מיט פולע בּעוואוסטזיניגע אידישע פרויען, וואלט דאס יודענטהום גייסטיג רייכער געווען און געווארען דער וויכטיגסטער טהייל פון אידישען פאלק. די אידישע רעליגיאן, געשיכטע און טראדיציאן איז ביכולת צו געווינען דאס הארץ פון אונזערע קינדער און ווען זיי וועלען דאס געניו וויסען וועט דאס קינד געווים זיין דערנעהנטערט צו די עלטערען און עס וועט געשאפען ווערען דער לעבּעדיגער שטראם פון פערשטענדענים און מיטגעפיהל. וועלכער העלפט איינפלאנצען אין דעם קינד די אייגענע אידעען. די אלטע אידישע מוטער וועט דאן צוריק אויפלעבּען און מיר וועלען האָבּען א שטאלצען אידישען דור וואס וועט פערשאפען עהרע און גדולה דעם גאנצען אידישען פאלק און העלפען עס ערלייזען פון דעם צוויי טויזענד יעהריגען פינסטערען גלות.

ו

די ענטשטעהונג פון אידישע ערציהונגס־אנשטאלטען.

די הופט זאך ביי אידען איז די
ערציהונג פון זייערע קינדער.
(יאזעפוס.)

די געשיכטע פון אידישע ערציהונג הויבט זיך אן פון דער מינוט ווען דאס אידישע פאלק האט אראבגעווארפען פון זיך די קנעכטשאפט מיט די געצענדיענסט און געווארען א פריי פאלק פון א געזונטער און געטליכער בעגייסטערונג.

ביים אידישען פאלק איז די ערציהונג געווען עפעס מעהר פון א געזעל־שאפטליכער און מאראלישער נויטווענדיגקייט; עס איז געווען דאס געזעץ פון דער רעליגיאן, דאס הייליגע געבאט פון גאט אליין. די תורה, דאס ספר הספרים בעפעהלט יעדען מענשען צו לערנען זיין קינד און איהם צו ערציהען גייסטיג אונטער אלע אומשטענדען. ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך (דברים י״א, י״ט כ׳.) — דאס בעווייזט דייטליך ווי שטרענג דער פאטער איז בעפוילען צו לערנען זיין קינד.

דער תלמוד איז נאך געגאנגען ווייטער און ערקלעהרט, אז דער פאטער טאר קיין אונטערשיעד מאכען צווישען א אינגעל אדער א מיידעל און מוז זיי ביידען גלייך געבען א גוטע ערציהונג. נשים במאי זכיין בקרווי

בנייהו לבי כנישתא (ברכות י״ז, א׳.) די פרויען זענען בעפרייט פון די גרעסטע צאהל מצות ווייל זיי האבען אויף זיך די פפליכט צו ערציהען די קינדער אין א אידישען גייסט און זיי צו פיהרען אין די שוהלען לערנען.

די ערציהונג איז געגעבען געווארען ביי די עלטערען זעלבסט. זיי אליין זענען געווען די לעהרער און האבען עס דורכגעפיהרט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און איבערגעבענהייט. די אידען זענען געזעסען אין זייער אייגען לאנד, תחת גפנו ותאנתו און זיך געקענט אליין אבגעבען מיט דער מצוה פון חנוך הבנים.

די פעריאדע פון די אידישע ערציהונגס־אנשטאלטען, די חדרים, אדער קינדער שוהלען, רעכנעט מען האט זיך אנגעפאנגען אין דער צייט פון קעניג חזקיהו. גיכער אבער איז צו גלויבען דאס די אידישע חדרים האבען שוין עקזעסטירט אין די צייטען פון שמואל הנביא, אבוואהל קיין זיכערע היס־טארישע פאקטען האבען מיר דערצו ניט.

אין די צייטען פון אחז מלך יהודה איז די אידישע שוהלע שוין גע־שטאנען אויפא גאנץ הויכע מדרגה. די יוגענד איז דאן געלערנט געווארען זיך צו האלטען אן די נאציאנאלע טראדיציאנען און א קאמפף האט זיך אנגעפאנגען געגען דעם אריינברענגען דעם אסימילאציאנס גייסט אין יודענטהום. אחז דער קעניג, וועלכער איז געווען ווייט פון די אידישע אידעאלען און זיך בעשעפטיגט מיט דער אסימילאציאן האט קיין אנדער אויסוועג געפונען ווי צו פערשליסען אלע אידישע חדרים. „אז מען וויל דאס פאלק בעזיגען — האט ער געזאגט צו זיינע נאכפאלגער — זאל מען די קינדער שוהלען פערמאכען״ (ירושלמי סנהדרין פ׳ י״א). דער פאקט גיט אונז א בילד פון דער דאמאלסדיגער עפאכע אין דער אידישער קינדער־

ערציהונג און אויף ווי ווייט דאס פערהיט א פאלק פון אונטערגאנג.

שעהן מאהלט דער מדרש ווי קעניג חזקיהו פלעגט איינער אליין ארומגעהן איבער די ערציהונגס-אנשטאלטען און אכטונג געבען דאס אלעס זאל זיין נאך דעם אידישען גייסט און טראדיציאן.

די אידישע ערציהונג האט אבער ניט געהאט קיין לאנג בליהענדע פעריאדע. באלד זענען אנגעקומען שווערע צייטען אויף דעם אידישען פאלק און האבען אוועקגענומען די מעגליכקייטען צו זארגען פאר דער יוגענד. נאך ערגער איז דער חנוך געווען ביים גלות בבל, וואו די אידען האבען פערגעסען זייער שפראך און גערעדט אנשטאדט העברעאיש א מין זשארגאן.

ווען די אידען זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל האט זיך צוליעב דער ענדערונג פון זייער עקאנאמישער און פאליטישער לאגע געפאדערט א שטארקע ענדערונג אין דער סיסטעם פון די ערציהונג. פיעלע האבען פער־געסען זייער מוטער שפראך העברעאיש, וואס איז געווען דער הויפט פונ־דאמענט פון דער אידישער ערציהונג און איהר פערביטען אויף אראמעאיש אדער כאלדעאיש און דורך דעם ניט געקענט פערשטעהן די אידישע למודים. די אידען האבען זיך שוין אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט אינטערנא־ציאנאלען מסחר און זייערע קינדער האבען פערלוירען די נאטירליכע ערציהונג.

די אידישע כנסת הגדולה איינזעהענדיג, דאס די צוקונפט פון פאלק איז אבהענגיג אן דער ערציהונג פון די קליינע קינדער האבען זיי די ערשטע געגרינדעט שוהלען אין ירושלים און שפעטער אויך אין אלע אנדערע גרע־סערע שטעדט.

צו יענער צייט איז אנגעגאנגען דער קאמפף צווישען די פרושים,

וועלכע האָבען זיך געהאַלטען צוגעבונדען צו דער תורה און צדוקים, די רעגירער און אריסטאָקראַטען פון פאָלק, וועלכע האָבען ניט געגלויבט זעהר שטאַרק אין די היילינקייט פון דער אידישער רעליגיאָן. די לעצטע האָבען אוועקגעבויגען די אידישע טראַדיציאָן, די רעליגיעזע ערציהונג און זיך אָבגעגעבען מיט וועלטליכע קולטור. דאַדורך האָבען זיי אוועקגעשטעלט די אידישע רעליגיאָן אין א סכנה און די פרושים האָבען ניט געפונען קיין אנדער אויסוועג אָבצוראַטעווען די עקזיסטענץ פון פאָלק ווי צו ווענדען זייער טהעטיגקייט אויף דער אידישער ערציהונג. שמעון בן שטח, דער ראש פון די סנהדרין און פיהרער פון די פרושים, האָט זיך גלייך מקריב געווען פאַר דער זאַך און געעפענט איבעראַל קינדער שולען צו וועלכע ער האָט צוגעצויגען די קינדער פון די פאָלקס־מאַסען און אַזוי אַרום בעזיגט די צדוקים.

די פאָלקס שולען האָבען אַזוי אנגעהאַלטען העכער הונדערט יאָהר ביז עס זענען ענטשטאַנען די סכסוכים מיט די רוימישע רעגירונג, וועלכע האָבען געפיהרט צום חורבן בית שני.

עס איז אָבער מערקווירדיג, וואָס גראַדע אין יענער שרעקליכער צייט האָט נאָך דער כהן גדול יהושע בן גמלא געלעגט די האַפענונג פון פאָלק אויף דער אידישער און נאַציאָנאַלער ערציהונג פון די קליינע קינדער און איינגעאָרדענט א פאָלקאָם סיסטעמאַטישע ערציהונג.

ער האָט כמעט איינער אליין געעפענט אין יעדער געגענד פון יעדער שטאָדט א קינדער שולע, וועלכע די קינדער האָבען גערן בעזוכט. אויף איהם האָט ר׳ יהודה געזאָגט „ברם זכור אותו האיש לטוב, ויהושע בן גמלא שמו, שאלמלא הוא נשתכח תורה מישראל״ (בבא בתרא כ״א, א׳) — „דיעזער

מאַן פערדינט דערמאַנט צו ווערען צום גוטען, ווארים ווען ניט ער וואלט די תורה פערגעסען געווארען".

כמעט אין דער גאַנצער צייט פון בית שני איז דאס אידישע לאַנד פול געווען מיט פאָלקס־שוהלען און ווי דער תלמוד דערצעהלט איז אין דער שטאָדט ביתר אליין געווען העכער פיער הונדערט שוהלען (גיטן נ"ח, א'.) די אַלע שוהלען האָבען געהאַט איין פּראָגראַם און איין שטה מיט א נאַציאָ־נאַל־רעליגיעזע טענדענץ. די שוהלען האָבען זיך ניט בענוגענט מיט א ריין אידישע ערציהונג נאַר האָבען אויך געזאָרגט דאס די קינדער זאָלען האָבען א בעגריף ווענען אַלגעמיינע וויסענשאַפט און וועלטליכע פראַגען. אין אַלע שוהלען, די עלעמענטאַרע, די מיטעלע און די העכערע איז דער אונטעררייכט געווען פריי, אָהן בעלוינונג. יעדער לעהרער האָט געהאַט א גלייכע צאָהל שילער, וועלכע האָט קיינמאָהל ניט אריבער געשטיגען פינף און צוואַנציג און האָט געמוזט זאָרגען דאס די שוהלע זאָל זיין היגיעניש. און אום צופריעדען צו שטעלען די אַמעריקאַנער געזונדס־פערזאָרגער וועלען מיר אויך דערצעהלען אַז אין די פאָלקס־שוהלען פון יענער צייט איז אפילו ניט פערנאַכלעסיגט געוואָרען די לעהרע פון קערפּערליכער ענטוויקלונג. דער תלמוד דערצעהלט, אַז דאס לערנען די תלמידים ווי צו שווימען האָט פערנומען אַנאַנגעזעהנעם אָרט אין דעם אַלגעמיינעם אונטעררייכט (קדושין כ"ט, א'.)

אַז דיעזע שוהלען זענען געווען שטאַרק פּאָפּולער און בעליעבט ביים פאָלק איז צו זעהן דערפון וואס ביז יענער צייט איז ניט בעקאַנט געווען דאס וואָרט „שוהלע" נאַר אין דער צייט פון יהושע בן גמלא בעקומט די „שוהלע" פערשיעדענע אויסדריקע און פערנעהמט א הויכען פּלאַץ אין דעם פאָלקס לעבען. די אידען האָבען דאַן קלאָהר איינגעזעהען די וויכטיג־

קייט פון ערציהונג און די נוצען פון צוואנג־לעהרע אויף צו בעלייכטען די דונקעלע צייטען פון א פאלק, א זאך וואס פיעלע פעלקער ווילען עס נאך אפילו איצט ניט פערשטעהן.

מיר וואלטען נאך געקענט געהן ווייטער און אויפווייזען פון די שפעטערדיגע פעריאדען, ווי אידען האבען אנגעשטרענגט די גאנצע פאלקס קרעפטען צו ערהאלטען דעם יונגען דור ביי זיין טראדיציאן, נאר מיר גלויבען, אז דאס וואס מיר האבען געשריבען איז פערהעלטעניסמעסיג גענוג אום מיר זאלען זיך שאפען א בעגריף וועגען דעם ווי אזוי די אידען אמאל האבען פערשטאנען דאס פראבלעם פון אידישע קינדער ערציהונג און ווי זיי האבען געפרובירט איינארדנען זייערע ערציהונגס־אנשטאלטען.

מיר פון אונזער זייט האבען בלויז בעצוועקט אנצוצייגען אויף דעם פאקט, דאס אונזערע עלטערען האבען נאר איינגעזעהען איין יסוד פאר אונזערע ערציהונגס־אנשטאלטען — די רעליגיאן.

עס זענען געווען פיעלע צייטען ווען די אסימילאציאן האט זיך פערשפרייט איבער אונזערע קעפ און געפרובירט ארויסרייסען דאס הייליגסטע פונ׳ם אידישען פאלק; ווען אונזער יוגענד האט זיך געפינען אין א פרעמדער סביבה און זיך געשפייזט מיט א פרעמדער קולטור; ווען פיעלע פון אייגענעם פאלק האבען אגיטירט אלעס אין דער וועלט נאר ניט רעליגיאן. עס זענען געווען פיעלע פעלע וואס דער יונגער דור איז געווען אין געפאהר אונטערצוגעהן דורך די פיעלע קולטורעלע און מאדערנע רעפארמען און נאר די רעליגיעזע־נאציאנאלע שוהלע האט געהאלפען אויפלעבען דעם אידישען גייסט און געגעבען די שטארקע קראפט פאר דער אייביגער לעבענס עקזיסטענץ.

די געשיכטע איז אימער דער וועגווייזער פון דער צוקונפט און ווען מען זאל זיך גוט איינקוקען אין דער געשיכטע פון אידישער ערציהונג וואלט מען פיליכט געפונען א לעזונג אויף פאר דער יעצטיגער פראבלעם.

ז

וערע ערציהונגס־אנשטאלטען

אונזער אידישע קינדער ערציהונג, וועלכע איז נאָך ביז גאר ניט לאנג צוריק געשטאַנען אין זעהר א שלעכטען צושטאנד, און וועמענס לאגע איז נאָך איצט אויך געגוג שלים, האָט זיך לעצטענס דאָך אנגעפאנגען צו בעסערען.

דער העברעאישער לעהרער, וועלכער האָט זיך פון אימער גערעכענט פאר א שלים מזלניק, וואס קען די קאָץ דעם עק ניט פערבינדען, האָט אנגע־הויבען מעהר געאַכטעט און פערשטאַנען צו ווערען, און איז געווארען א וויכ־טיגער פאקטאר אין דעם לעבען פון גאנצען פאלק.

די אורזאכען, וואס האָבען געבראכט צו דער אויסבעסערונג פון דיעזען מצב זענען פיעלע, אבער די הויפט אורזאכע איז זיכער, דער צופלוס פון מעהר קאמפעטענטע פאכלייטע אין דער אידישער פעדאגאגיק, וועלכער האָט דורך ווארט און שריפט ערהויבען דעם גייסט פון אידישען לעהרער און אידי־שען ערציהונגס־אנשטאלט.

די מעכטיגע אויפפאדערונג פון די בעסערע לעהרער און פיהרער פון דער נאציאנאלער בעוועגונג אין דיעזען לאנד צו זוכען מיטלען און וועגען ווי אויפצוהאלטען די זיכערע עקזיסטענץ פון אונזער אידישקייט, האָבען מיטגעבראכט צו בעאיינפלוסען די צוואווארפענע כחות זיך צו פעראייניגען און צו טהאן עטוואס אין דער הינזיכט פון אויסבעסערען די אידישע ערצי־הונגס־אנשטאלטען — די היים און די שוהלע.

פיעלע גרויסע צענטערס, וואס האָבען ביז ניט לאנג צוריק אבגעפּטר'ט זייערע אידישע פליכטען מיט אויפהאלטען שוהלען, שוחטים, רעוורענדס, לאדזשען און אפטמאהל אויך ציוניסטישע ארגאניזאציאנען האָבען זיך ארומ־געזעהן דאס אזא ארבייט פיהרט צו קיין געווינשטע רעזולטאטען, אז דאס איז ניט דער מיטעל אבצוראטעווען די יוגענד פון דער פרעמדער אידישער סביבה און קולטור, און זיי האָבען אנגעהויבען צו גרינדען שוהלעס און תלמוד תורות מיט א מעהר בעסערער סיסטעם און מיט מעהר קאמפּעטענטע לעהרער.

אמת, מען קען מעהר ניט זיין פעסעמיסטיש וועגען דער צוקונפט פון אונזער אידישען גייסט, ווייל די צוקונפטיגע יוגענד וועט זיכער שטעהן העכ־ער פון דער פאריגער און וועט ווייט ניט זיין אזוי אונוויסענד אין אידישע לעהרע, אבער דאך איז עס נאָך ניט געקומען צו דער מינדעסטער מדרגה פון אפּטימיזם. מיר זענען נאָך גאַנץ ווייט, און כמעט גאר ניט נעהענטער, צו דער עררייכונג פון אונזער פאלקאמען וואונש.

אונזערע ערציהונגס־אנשטאלטען, די תלמוד תורות פאדערען א שטארקע אומענדערונג; די מעטהאדען, די למודים, די בעציהונגען, די פערוואלטונג און אלעס וואס האָט א שייכות מיט אזעלכע אנשטאלטען מוזען מעהר מאָ־דערניזירט ווערען, מוזען מעהר סיסטעמאטיזירט ווערען און אָננעהמען א גאַנץ אנדערען כאראקטער און געשטאלט.

וואס איז דער ציעל פון א תלמוד תורה?

אין קורצען קענען מיר אָנווייזען אויף פאלגענדעס:

די תלמוד תורה דארף ערציהען א אידישען נאציאנאל־רעליגיעזען דור. די קינדער זאלען וויסען דעם אינהאלט פון דער תורה, די גרויסקייט פון די אידי־

שע נביאים, די ערהאבענהייט פון דער אידישער רעליגיאן, די העלדען טהאַ־טען פון אונזערע עלטערען און די רייכקייט פון אונזער שפראך און ליטעראטור. די קינדער דארפען איינגעפלאנצט ווערען מיט אידישע מידות און דארפען געבּרענגט ווערען אין א בעסערער התקרבות מיט דעם אידישען פאלק.

די תלמוד תורה דארף אבּראטעווען דאס וואס דער נייער גלות וויל ביי אונז אוועקרויבען. און אוועקרויבען וויל דער גלות אלעס וואס איז טהייער און הייליג: אונזער שפּראך, אונזערע מדות, אונזערע מנהגים, אונזערע טראַ־דיציאנען, אונזער קולטור און אויך אונזער אידישע נשמה. די תלמוד תורה דארף זיין א געגען־גיפט געגען דעם געפעהרליכען סם פון דער פרעמדער סביבה, פרעמדער שפּראך, פרעמדע שוהל, פרעמדע ערציהונג און פרעמדע זיטען.

די וויכטיגקייט פון דער תלמוד תורה דארף בּעשטעהן ניט בּלויז אין לערנען די קינדער אידישקייט, וועלכעס איז געוויס דער הויפּט צוועק נאר אויך אין פערפיינערען די מענשליכע זייט פון׳ם קינד.

אום די תלמוד תורה זאל דאס קענען זיין, מוז זי מיט זיך פארשטעלען א קליין אידיש וועלטעל וואו די פארם און אינהאלט איז אידיש, וואו עס ווערט אבגעמעקט און אבגעווישט דאס פרעמדע פון קינדס גייסט און עס ווערט געשאפען און אויסגעבּילדעט די אמתע ריינע אידישע קינדער־נשמה.

די לעצטע עטליכע יאהר האָט זיך, ווי מיר האָבען שוין געזאגט, אנגעַ־הויבען צו בעמערקען אנ׳אונגעהויער גרויסע טהעטיגקייט פאר תלמוד תורות.

אידען פון אלע קלאסען און אלע פערשיעדענע געזינונגען האָבען זיך אלאז געטהאן מיט א פיבערהאפטען ענטהוזיאזים צו גרינדען און אויפצוהאל־טען תלמוד תורות. פּרעכטיגע געבּיידען זענען שוין געבּויט געווארען און נאָך פיעלע האלטען זיך אין בויען אדער איבּערבויען. מען קארגט ניט קיין שווערע

טויזענדער און מען מאכט אלע מאָדערנע איינריכטונגען און בעקוועמליכקייטען אזוי, אז עס קוועלט אזש אָן די אידישע הארץ פון שמחה. עס ווערען אָנגעשטעלט לעהרער און אבער־לעהרער, פרינסיפאלס און סופעראינטענדענטס, דירעקטארען און משגיחים, און מען לערענט די קינדער גאָטעס תורה עכט אידישלעך — אין אלע שבעים לשונות . . .

פערשטעהט זיך, דאס אזא בעוועגונג פיהלט אן דאס אידישע פערטרויערט הארץ מיט פרייד און האפענונג, אז דאס יודענטהום וועלכעס איז שוין איבערגעקומען אזוי פיעל נסיונות וועט אויך איבערקומען דעם נסיון־אמעריקא, און אז אונזער ירושה וועלכע מיר האָבען מיט אזוי פיעל מסירת נפש איבערגעגעבען פון דור צו דור וועט אויך יעצט ניט אבשטארבען צוזאמען מיט אונז, אבער דאָך פערשווינדעט אונזער פרייליכער געמיטה ווען מיר קוקען זיך טיעפער איין אין דעם לייכטענדען שטראהל פון גוטע האָפענונג.

ווען מען הויבט אן פארזיכטיג אונטערזוכען די קענטניסע און דעם אידיש גייסטיגען צושטאַנד פון די תלמידים פון די מעהרסטע תלמוד תורות, נעהמט עס ניט לאנג ביז די פרייליכקייט זאל אין גאנצען פערשווינדען. א דורכשניטליכער איד, וועלכער איז ניט בעפעסטיגט מיט אונזער שטארקען בטחון אין די צוקונפט פון אידישען פאלק, געפינט שנעל אויס, צו זיין טיעפען און שמערצליכען וועהטאג, אז די מעהרסטע צאהל קינדער ווייסען כמעט גארניט, קענען זאגאר ניט קיין עברי, ווייסען ניט קיין תפילות, קיין ברעקעל חומש, קיין מועדים, טראדיציאנען און אפילו דאס מינדעסטע וועגען אידענטהום. די תלמוד תורות, וועלכע זענען צופרידענשטעלענד קען מען איבערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד. אנדערע תלמוד תורות, וועלכע געפינען זיך אין די גרעסטע אידישע שטעדט פון לאנד האָבען זיך שוין מעהר

אריינגעטראכט אין די אויפגאבען און זייערע קינדער ווייסען שוין יא עפּעס, איז דאס ווייסען זייערס אָבער אזוי אונסיסטעמאטיש און, וואס איז נאָך פיעל ערגער, אזוי מעכאניש, אזוי אויטאמאטיש, אז אנשטאדט צו ענטוויקלען זייער פערשטאַנד, צו בערייכערען זייער ווייסען, פערטעמפּט עס גאר זייערע מחות און האָבען ניט דעם מינדעסטען בעגריעף וועגען דעם וואס זיי לערנען.

אין פיעלע פון די זאגענאַנטע בעריהמטע תלמוד תורות ווערען די תלמידים אנגעשטאָפּט מיט בלאסע, טרוקענע און אינהאַלטסלאזע פראזען און ווערטער ווי למשל: אלה — דיעזע זיינען, תולדות — די דזשענרייישאַנס, נח — פון נח, נח — נח, איש — א מען, צדיק — א צדיק, תמים — א גאנ־צער, היה —געוועזן, בדורותיו — אין זיינע דזשענערייישאנס. פערשטעהט זיך, אז דאס קינד האָט אין אזא למוד קיין געפיהל און האָט וועגען דעם קיין בע־גריעף ניט, וואס זאל בערייכערען זיין אידישע נשמה. עס איז פערדראסליך, וואס אזא אַרט לערנען האָבען מיר בעגעגענט אין פיעלע פון די גרעסטע תלמוד תורות, וואו עס זענען אָנגעשטעלט פופצעהן הונדערט דאלארדיגע פרינסיפּאלס.

דער גרויסער געלעהרטער פעסטאלאצי ערקלעהרט אין איינעם פון זיינע פיעלע ביכער וועגען ערציהונג, אז „די קינדער־וועלט איז דאס גרעסטע היי־ליגטהום און יעדער פרעמדער וואס בעריהרט איהר איז א וועלט־מערדער". אויף אונזער שפּראך וואלטען מיר עס איבערזעצען, אז ווען א לעהרער איז ניט צוגעבונדען צו זיין ארבייט, פערשטעהט ניט די ערציהונגס־אויפגאבען און איז בכלל ניט איבערגעגעבען דעם אידעאל פון ערציהען אנ'אמת אידישען דור זאל זיך בעסער נעהמען צו שוסטעריי און צורוה לאזען די הייליגע קינדער־וועלט.

עס איז אנ׳אלגעמיינער פאקט, אז אין די מעהרסטע שוין מכלומרשט מאדערניזירטע תלמוד תורות הערשט כמעט, אויסער אלע לויב געזאנגען, א תהו ובהו וואס איז ניט געווען זאגאר אין דער גאנץ אלטער חדר־פעריאדע. דאס נייע, וואס מען האט אריינגעבראכט איז ווערטלאז און דאס בעסערע פונ׳ם אלטען האט מען דערווייל ארויסגעווארפען.

מיט עטליכע יאהר צוריק בעפאר דעם לעהרער קאנגרעס איז אויפגעהוי־בען געווארען א טומעל אין דער פרעסע געגען די ערציהונגס־אנשטאלטען. די פיהרער, בעצאהלטע און ניט בעצאהלטע, האבען דערפיהלט דעם ביין אין האלדז און אין דער גיך אבגעמאכט א דערוויילינגע אפעראציאן, כדי צו פערטרייבען פון זיך די בייזע גייסטער, די יונגע שנעקעס, די „קיקערס״. אין די יעניגע תלמוד תורות, וואו דער למוד איז געווען אין אידיש האט מען איינגעפיהרט אביסעל ענגליש, דאס הייסט, מען האט געמאכט א פשרה־מסחר, האלב ענגליש, האלב אידיש און דאס איבריגע סתם גארניט. אין די תלמוד תורות וויעדער, וואו מען האט געלערענט ענגליש איז מען געווארען ראדיקאל, פערבויגען דעם יענקישען שטאלץ און איינגעגעבען א מעדיצין לעפעלע אידיש אדער אנ׳עם לעפעלע עברית בעברית. אט די „פשרה־מאכע־ריי״ וואלט נאך פיעלייכט אויך געווען צו פערליידען, אבער, ווי מיר האבען שוין געזאגט, איז עס געווען בלויז א מאמענטאלע נויטווענדיגע אפעראציאן און מען האט זיך ניט בעמיהט דאס צו סיסטעמאטיזירען, נאר ווי דער וועהטאג האט זיך אביסעל אבגעשוואכט האט מען פאר גרויס פערדרוס דאס ביסעלע מעדעצין אויסגעגאסען און דאס פלעשעל צו בראכען — קיין שריד ופליט זאל דערפון ניט בלייבען!

מיר וועלען דא ניט האנדלען ווי אלע איבריגע מקוננים און בלויז קרי־

טיקירען, ניין, מיר וועלען זיך בעמיהען אונטערצושטרייכען די הויפט חסרונות און אזוי ארום אויסגעפינען וואס פאר א מיטלען צו געברויכען געגען זיי.

פון אנהויב האבען מיר ציטירט א זאץ פון דעם גרויסען געלעהרטען פעסטאלאצי און דאס וועט אונז דיענען אלס א וועג ווייזער צו דער אויס־בעסערונג, נאר פריהער וועלען מיר אנצייגען די הויפט חסרונות, וועלכע, אויב מיר זאלען זיי פארמולירען קורץ און דייטליך זענען זיי פאלגענדע:

א) וואס די לעהרער קריעגען ניט גוט בעצאהלט און מוזען דאדורך זוכען אנדערע קוועלען פון פרנסה.

ב) וואס צוליעב דעם זעלבען טעם שטעלט מען אן לעהרער וואס קוקען אויף דער לעהרעריי ניט ווי אויף א פראפעסיאן, נאר ווי אויף א דערווייליג פער־דיענסטעל ביז מען וועט עפענען אנ׳אייז־קרים־פארלאר.

ג) וואס די אפיסערס און אויך, צום בעדויערען, די פרינסיפאלס פון די תלמוד תורות בעטראכטען דעם לעהרער אלס פריוואט־אייגענטהום, וועלכער מוז ווי א קנעכט אויספאלגען אלעס וואס זיי זאגען, הגם, דער לעהרער אלס פעדאגאג און אמת׳ער ערציהונגס־פאקטאר, וואס קומט באמת אין בעריה־רונג מיט דעם קינד פיהלט אז עס איז ניט דער ריכטיגער וועג.

ד) וואס די סיסטעמען און מעטהאדען ווערען ניט איינגעפיהרט צוליעב דעם גייסט פון דער צייט, צוליעב דעם פרינציפ און אידעאל פון די לעה־רער, צוליעב דער עררייכונג פון ערציהונגס־צוועק, נאר ווייל די „מאכערס" וועלכע זענען צופעליג ארויף אויפ׳ן בענקעל ווילען אזוי.

פערשטעהט זיך, אז אויסער דיעזע חסרונות וואלטען מיר נאך געקאנט אויסרעכענען א גאנץ לאנגען צעטעל, נאר מיר גלויבען, אז אין די עטליכע

פונקטען האָבען מיר שוין איינגעשלאסען מעהר אדער וועניגער דאס וויכטי־
גע וואס לאזט זיך אויסבעסערען.

דער לעהרער וואס מוז זוכען אנדערע קוועלען פאר פרנסה קען ביים בעס־
טען ווילען ניט אָנווענדען זיין גאנצער ענערגיע און גייסטיגע קראפט פאר
דער פעדאגאגיע. דער לעהרער, וועלכער קריעגט אזוי ארעם בעצאהלט איז
געצוואונגען צו זוכען פריוואט לעסאנס, הארעווען איבער די כחות ביז 10—11
ביינאכט און דאן יעצט לעבען אין דחקות, אין זארג און אין דאגות. די מעהר־
סטע לעהרער קומט אפט אויס איבערצוגעהן פון איין תלמוד תורה אין דער
צווייטער, פון איין שטאדט אין דער אנדערער, און דאס ברענגט איהם צו זיין
אונרוהיג, ניט זיכער, ניט איינגעארדענט און געוועהנליך פיהלט ער שוואך צו
ערפיהלען זיינע פפליכטען.

ביי קיין פאלק געפינט זיך ניט דער לעהרער אין אזא שלעכטער לאגע ווי
ביי אונז, און מערקווירדיג, גראדע דא אין לאנד, וואו יעדער איד איז עקאָ־
נאמיש מעהר אדער וועניגער געזיכערט און האלט אלס פרינציפּ צו געבען זיין
פריינד א „שאו" צו מאכען אנ׳אנשטענדיגען לעבען, לעבט דער לעהרער דאך
אין א אויסנאמליכער העכסט געדריקטער לאגע. די גרעסטע צאהל לעהרער אין
די תלמוד תורות נעהמען פון 40 ביז 60 דאלאר א מאָנאט, דאס גיט מען אכ־
טונג מען זאל דעם לעהרער ניט צאהלען, חלילה, נאָכ׳ן אידישען חודש, נאר
דוקא נאך דעם קריסטליכען מאנאט, ווייל עס כאפט אנ׳אונטערשיעד אמאהל
אין צוויי טעג און אמאהל א טאג. צונעהמען נעהמט מען דעם לעהרער צו אויף
א זמן, דאס הייסט, פון פסח ביז סוכות און פון סוכות ביז פסח, אבער פאקטיש
קריעגט ער זיינע ארעמע שכירות אפילו פאר דער צייט אויך ניט. מען נעהמט
איהם געוועהנליך אן חול המועד און צאָהלען צאהלט מען איהם ערשט פון

דעם טאג וואס מען פאנגט אן לערנען, וועלכעס קומט אפט אוים מיט א צוויי וואכען שפעטער. א וואך פאר פסח און זומער נאך פריהער פערמאכט מען די תלמוד תורה און מען לאזט דעם לעהרער כ„תולה ארץ על בלימה.״ ניט מען בעצאהלט איהם און ניט מען זאגט איהם צו ער בלייבט אויף א צווייטען זמן.

אט די טרויעריגע געדריקטע לאגע, דאס שטעהען מעהרסטענס 4—5 שטונדען אין ניט היגיענישע צימערען און אויסרעדען די גאל פאר די תלמידים, דאס אנשטרענגען זיך צו האלטען די קלאסס אין ארדנונג, דאס לויפען שפעט אין אבענד א פערמאטערטער אויף לעסאנס, דאס שרעקען זיך דעם גאנצען טאג פאר דעם קאפריז פון די אפיסערס, דאס עסען דעם ארעמען מאהלצייט, דאס צוזעהן דעם נויט פון זיין פרוי און קינדער, וועלכע מוזען אימער זיך ענטזאגען פון פיעלע לעבענס־נויטווענדיגקייטען, דאס צוריקהאלטען זיך פון געזעלשאפט אום ניט „אויפצורייסען די אויגען״ און ניט צו קומען חלילה, אין קאנפליקט מיט זיינע פיעלע ברויט געבער, אכטונג־געבער און צרות־געבער — דאס אלעס מאטערט אוים דעם לעהרער, וועלכער איז מעהרסטענס נאך אין זיינע בעסטע בליהונגס־יאהרען און וואלט געקענט פיעל, פיעל שאפען פאר דעם וואהל און בעסט פון אידישען פאלק. דער לעהרער איז נידערגע־שלאגען, צובראכען, פערליערט דאס בלוט פון זיין פנים און בעקומט דאס אויסזעהן פון א שוואכען גארנישטיגען מענשעל, פאר וועלכען די אמערי־קאנער קליינווארג קענען בשום אופן ניט האבען קיין רעספעקט.

דער לעהרער, וואס מוז זוכען זייטיגע קוועלען אויף פרנסה מוז שטרעבען זיך פון איין פראפעסיאן צו בעפרייען און געוועגליך ווינשט ער זיך פטור צו ווערען פון די ערגערע — די לעהרעריי. צוליעב דעם גרונד, וואס ער זוכט אנאנדער צוועק הויבט ער אן די לעהרעריי צו האסען און האלט עס בלויז פאר

אנ׳אפקומעניש. אזא לעהרער האלט זיך געוועגטליך ווייט פון די קינדער און קוקט אויף זיי ניט שטארק פריינדליך, און מעג ער דאן זיין א ברילאנטענער רעדנער, מעג ער בעזיצען שעהנע מאניערען, וואס וואלטען ביי גרויסע ארוים־רופען שעצונג און אכטונג וועט ער אבער דאך פאר קיין פאל ניט זיין פאפוליער ביי דער קליינוואַרג און זיי וועלען קיינמאהל פיהלען צו איהם ריכטיגע ליע־בע, און ווען עס פעהלט די ליעבע קען מען ניט ערווארטען דאס די שילער זא־לען זיך לערנען מיט פלייסיגקייט.

דער לעהרער וואס מאכט זיין לעהרעריי פאר א דערוויילינגע זאך איז אין דער צייט פון לערנען ניט איבערגעגעבען און פערוואנדעלט דאדורך דעם חדר אין א גהינום, וואו די קינדער צעהלען די מינוטען פון איהם פטור צו ווערען.

מיר ווילען ניט זאגען, אז די גאנצע שולד פאלט דאן בלויז אויף דעם לעה־רער, ווארום גיכער פון אלעם איז דערין שולדיג די פערוואלטונג פון תלמוד תורה, וועלכע שאפט דעם טרויעריגען מצב, און פערלאנגט נאך אז דער לעהרער זאל אונטערדריקען דעם אייגענעם „איך״ און זאל זיך אימער פיהלען געגען זיין ברויט געבער ווי א סאלדאט פאר אנ׳אפיציער.

די אונאייניגקייט צווישען די פרינציפאלס און לעהרער, די ווייטקייט צווישען זיי און די אפיסערס ברענגט דערצו, דאס אפילו די בעסערע לעהרער, די וואס האבען פעדאגאגישע ידיעות און פעהיגקייטען זאלען אויך ניט אימער טהאן די ארבייט בשלמות. זיי זענען אפטמאהל צופיעל פערביטערט פון דער בעהאנדלונג צו זיי, פון דער ערנידערונג וואס זיי האבען אויסצושטעהן און האנדלען א מאהל געגען זייער נאטור און איבערצייגונג מיט רוגזה געגען די שילער, די אונשולדיגע קינדער.

וויפיעל ערנידערונג ליעגט דארין, וואס אויב א לעהרער האָט א מאהל ניט אבגעגעבען דעם ריכטיגען „טשעסט״, די שקלאפישע פערנייגונג צום אפי־ציער אדער גענעראל פון תלמוד תורה, ווערט ער ענטזאגט זאגאר דאן ווען ער איז א גוטער פעדאגאג און איבערגעגעבען זיין ארבייט?

ווען אידיש לעהרעריי וואלט בעקומען די ריכטיגע אנערקענונג און פער־נעהמען דעם ריכטיגען אנגעזעהענעם פלאץ, וואס זי פערדיענט לויט איהר הויכע אויפגאבע; ווען דיעזע שווערע און פעראנטווארטליכע פראפעסיאן וואלט זיך ריכטיג בעצאהלען; ווען מען זאל ניט מאכען פון א לעהרער א „כל בו׳ניק״ און פאדערען פון איהם אזעלכע צוטשעפעניש ווי, חזנות, שחיטה, רבנות, מגידות און אויך בטלנות; ווען די אלע פערשיעדענע „באארד אָף עדיוקיישאנס״ וואלטען ווירקליך פערדיענט דעם נאָמען און וואלטען ווירקליך איבערגענומען די תלמוד תורות אין זייערע הענד; ווען זיי וואָלטען ווירקליך געשטאַנען נעהענטער צו די אינסטיטוציאנען וועמען זיי פערטרע־טען; ווען זיי וואָלטען ווירקליך נאָכגעפארשט דעם רעזולטאַט פון דער אר־בייט פון יעדען לעהרער בעזונדער און ניט זיך סומך געווען בלויז אויף גע־שריעבענע רעפּארטען — דאן וואלט שוין מיט דעם אליין געלעזט געווארען די גרעסטע טהייל פון ערציהונגס־פראבלעם און עס וואלט ניט געווען אזא הפקרות אין דיעזען געביעט. עס וואלטען זיך דאן גענומען דערצו די יעניגע וואס האָבען אנאיינגעבוירענע נייגונג זיך אבצוגעבען מיט דער קינדער ערציהונג.

דאס אידענטהום אין אַמעריקא האָט איינגעזעהן די דרינגליכע נויט־ווענדיגקייט פון סיסטעמאטיזירען די אידישע שוהלע. די „קיטשען־חדרים״ און „סידור־פעדלער״ זענען פיעל רעדוצירט געווארען און ווערען ביסלעכווייז

ארויסגעטריעבען פון ערציהונגס־פעלד. זייער פלאץ האט פערנומען די נייע מאדערנע תלמוד תורה מיט דעם יונגען פעהיגען לעהרער און דאס קינד קוקט שוין מיט גאנץ אנדערע אויגען אויף דער „היברו־סקוהל'' און „היברו־טיטשער''.

אין רע־ארגאניזירען די סיסטעמע פון אידישען אונטערריכט, און אריינ־ברענגען מאדערנע מעטהאדען אין אונזערע אנשטאלטען, האבען מיר אבער ניט בעמערקט ווי עס האט זיך אריינגעגליטשט א נייער שעדליכער עלעמענט, וועלכער וועט זיכער צושטערען וואס מיר וועלען אויפבויען.

דער צוועק פון די תלמוד תורות, זענען אלע מודה, איז איינצופלאנצען דעם רעליגיעז־נאציאנאלען גייסט אין אונזערע קינדער, זיי זאלען זיין אידען מיט א אידישער נשמה און מיט א אידיש הארץ, און דאך איז פארהאן פלאץ אין אונזערע תלמוד תורות פאר לעהרער־אטעאיסטען, פאר לעהרער אסי־מיליאטארען און פאר לעהרער אינטערנאציאנאליסטען. עס איז ניט קיין פאנטאזיע נאר א טרויעריגע ווירקליכקייט. מיר האבען זיך אליין בעגעגענט און בעגעגענען זיך נאך היינט מיט אזעלכע לעהרער אין עכט ארטהאדאקסישע תלמוד תורות.

ווען איהר וועט א פרעג טהאן די פיהרער פון אזעלכע תלמוד תורות, וועלכע זענען מקיים די מצוה פון מאה ברכות א טאג: היתכן? וועלען זיי אייך ענטפערען דעם לעכערליכען תירוץ דאס זיי ווייסען טאקע אז זיי זענען יונ־גאטשעס, מחלל שבת בפהרסיא א. ד. ג., נאר זיי מוזען נאכקומען דעם פאדע־רונג פון דער פרעסע אויפצונעהמען לעהרער וואס קענען העברעאיש און די „יונגאטשעס'' קענען פליסיגער רעדען ווי אנדערע. ניט אומזיסט האבען די דאזיגע לעהרער, וועלכע פערפלייצען די פראווינץ, ניט קיין געוויסענביסע,

ווייל זיי האָבען אייך א פערטיגען תירוץ דאס זיי זענען אָנגעשטעלט צו לער־נען די העברעאישע שפּראַך. אי, זיי לערנען דאַך אבער חומש, רשי, תפילות און אנדערע רעליגיעזע זאכען — בלייבט א קשיא!

מיר מיינען דא ניט צו אטאקירען די לעהרער, וועלכע זענען באמת קינדער פון פאלק, טהעטיגע נאציאנאליסטען, קעמפּפענדע העברעער, אי־דעאלע און אינטעליגענטע ציוניסטען און דאַך ניט אויסגעשפּראכען רעליג־יעזע. אזעלכע וועלען וויסען ניט צו שעדיגען די געפיהלען פון קינד, ניט צו פער'סמ'ען זיין נשמה און ניט זיך פארצושטעלען אין א היפּאקריטישען מאַנ־טעל. עס איז אבער א גרויסע געפאהר צו האָבען אין אונזערע רייהען לעהרער, וואס קענען העברעאיש און האלטען איהר פאר טוידט און ווערטהלאז, לעה־רער וואס לערנען רעליגיאָן און דעמאָנסטרירען פאר די קינדער זייער אפּיקורסות און לעהרער וואס דערצעהלען וועגען אידישע נאַציאנאלע פייער־טעג און לייקענען אין אידישער נאַציאנאליטעט. עס איז א פערברעכען, א גרויסער פערברעכען געגען אונז, געגען אונזערע קינדער און געגען גאנצען אי־דענטהום צו דערלאזען דעם סם המות אריינדרינגען אין דער סאמער טיעפע־ניש פון אונזער הארץ. אזעלכע לעהרער זענען א געפאהר, א גרויסער גע־פאהר און מוזען בעקעמפּפט ווערען. די אידישע תלמוד תורה, אונזער איינציגע צוקונפט מוז זיין ריין, קודש, און ניט האָבען אין זיך אזעלכע מיקראָבען וואס אונטערברעכען דעם פאלקס־קערפּער.

א לעהרער, אז ער רעדט א פליסיגען העברעאיש איז זיך טאקע גאנץ שעהן, אבער דאס קען נאָך ניט פערדעקען די אנדערע פעהלערען. די תלמוד תורה דארף א לעהרער, וואס זאל אפילו ניט קענען רעדען שעהן העברעאיש, נאר ער זאל לעבען אין דער העברעאישער שפּראַך, זאל דענקען אין דער העב־

רעאישער ליטעראטור, זאל פיהלען דעם אידישען וועהטאג און מיטווירקען אין דער אידישער אויפלעבונג. א לעהרער דארף זיין א קינד פון דער אלטער אידישער סביבה, וויסען דאס אידישע לעבען, דעם אידישען אידעאל, די אי־דישע תלמודיסטישע און ביבלישע אוצרות, די אידישע מאראל, דעם אידישען גייסט און בכלל אלעם וואס איז אידיש.

אין די איינינע יאהר וואס דאס קינד פערברענגט אין א אידישען ער־ציהונגס־אנשטאלט מוז ער דורך דעם לעהרער ערלערנען, אז דאס אידישע פאלק איז א נאציאן ווי אלע אנדערע, אז דאס פאלק שטרעבט און שאפט א היים אין זייער אייביגען לאנד, אז די אידישע רעליגיאן איז אנ׳ערהאבע־נע, אז די אידישע תורה איז א מאראלע, אז דורך אונזער רעליגיאן און דורך אונזער תורה איז די וועלט געקומען צו דעם קולטורעלען און ציוויליזירטען צושטאנד און אז דאס אידישע פאלק האט געלעבט, לעבט און וועט לעבען.

די תלמוד תורה איז אין משך פון פיעלע דורות געווען און וועט נאך פיעלע יאהרען פערבלייבען אלס איינער פון די וויכטיגע — אויב ניט דער וויכ־טיגסטער — פאקטארען אין אידישען לעבען. אויב אין דער אלטער היים, וואו אלעם האט געאטהעמט מיט אידישקייט איז געווען נויטיג א תלמוד תורה, איז עס דא אין נייעם לאנד איינע פון די גרעסטע און דרינגענסטע נויטווענדיג־קייטען. אויב מיר ווילען פערהיטען די גאנצקייט און אונבעריהרבארקייט פון אונזער טראדיציאנאלען לעבען מוזען מיר מיט אלע מעגליכקייטען שטעלען די תלמוד תורה אויף איהר ריכטיגען שטאנד.

די גאנצע משא, פון דער שווערער, פעראנטווארטליכער ערציהונגס־אר־בייט, ליעגט אין יעדען ארט אויף די פלייצעס פון א קליינער מינדערהייט, און דאס הייפעלע קען ביי זייער בעסטען ווילען ניט אויפטהאן קיין ער־פאלגרייכע ארבייט.

עס איז א פערדריסליכע ערשיינונג פון אונזער אמעריקאנער געמיינדע לע־בען, וועלכע נעהמט זיך פון דער פערבּרעכערישער גלייכגילטיגקייט צו די וויכ־טיגסטע פראגען פון אונזער לעבען, און מוז אויסגעראטען ווערען. יעדער נאציא־נאלער אדער ארטהאדאקסישער איד מוז טראגען ליים און ציעגעל און העל־פען אויפבּויען און בּעפעסטיגען אונזער גרויסע אידישע פּאזיציאן אין גלות — די תלמוד תורה!

צוליעב געוויסע אומשטענדען, וועלכע קענען דא ניט ערקלעהרט ווע־רען, איז די אידישע ערציהונגס־בּעוועגונג אין די מעהרסטע שטעדט און שטעדטלעך אריינגעפאלען אין זעהר ניט קיין פּאסיגע הענד. די מתעסקים און משגיחים פון די דאזיגע תלמוד תורות זענען על פּי רוב אידען וואס האבּען אדער גאר קיין השגה ניט אדער א גאנץ קליינע וועגען דעם צוועק פון א אידי־שען ערציהונגס אנשטאלט. זייערע ידיעות זענען שוואכע און אויבּערפלעכליכע און לויט דיעזע ידיעות אנגאזשירען זיי די לעהרער, פערוואלטען דעם אנ־שטאלט און הייסען אונטעררי‌כטען די קינדער.

דער איינציגער מיטעל ווי צו זיכערען דעם ערפאלג פון דער תלמוד תורה איז דאס אנטייל נעהמען פון די יעניגע וואס פערשטעהן קלאהר איהר אויפ־גאבּע. צוזאמען מיט די פּיעלע כלל טהוער און פילאנטראפּען דארפען אויך מיטארבּייטען די נאציאנאלע אינטעליגענץ און ארטהאדאקסישע פארשטעהער.

דערווייל שטעהען נאך בּיידע עלעמענטען גאנץ פון וויטענס. די נאציא־נאליסטען ווי די ציוניסטען רעדען וועגען ערציהונג בּיי יעדע פון איהרע פער־זאמלונגען און ווייטער געהט עס ניט. די רבנים און מזרחיסטען ווייזען ארויס א גרויסען אינטערעס, אבּער זייער טהעטיגקייט איז ניט גענוג אקטיוו. אזוי צו אזוי, וואקסט דערווייל די עם הארצות ניט בּלויז צווישען אונזער יוגענד

נאר אויף צווישען אונזערע פיהרער, די פערשיעדענע מתעסקים פון די תלמוד תורות.

צווישען די נאַציאָנאַליסטען, ציוניסטען און ארטהאָדאָקסען איז גע־ווים פאַרהאַן פערשיעדענהייטען אין זייערע מיינונגען, אבער ווען זיי אַלע וועלען אין זינען האָבען די געפאהר וואס שוועבט איבער אונז, ווען זיי ווע־לען אַלע געדענקען די פליכט אויפצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק אין אמעריקא, וועט זיכער געפונען ווערען דער וועג צו דער ערר‌ייכונג פון אידעאַל — די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ערציהונג.

ביי א פעראייניגונג פון אַלע קרעפטע פאַר דעם צוועק פון ערציהונג וועלען מיר גאַנץ לייכט קענען אויסמיידען די ביז יעצטיגע איבלען און פעהלערן און מיר וועלען אין דיעזען הינזיכט זיך ניט דארפען שעהמען געגען אַלע קליינינקע פעלקערלעך.

ביי אַלע אַנדערע פעלקער מוז א לעהרער קודם כל שטודירען און דאַן איז ער יעצט אונטערוואָרפען א ספעציעלע קערפערשאַפט פון פעדאַגאָגען וואס האָט די השגחה אויפן גאַנצען פּראָגראַם און סיסטעם. ביי אונז אבער איז יעדער איינער וואס קען נאָר אויסקומען מיט אָרעמע ווײַדזשעס און לע־בען אונטער שלעכטע בעדינגונגען בערעכטיגט צו זיין א פאָלקס־לעהרער.

דער גרעסטער איבעל איז דער מיש מאַש אין דער מעטהאָדע, וועלכעס איז בלויז אבהענגיג אָן דעם קאַפּריז פון פּרעזידענט פון תלמוד תורה. איז ער אַנ׳אָרטאָדאָקס לערענט מען אין אידיש; איז ער א אידעל מיט א ביזנעס און א שטיקעל פּראָפּערטי, אמעריקאַניזירט — לערענט מען אין ענגליש; איז ער א יונגער מאַנטשיק, א ציוניסטעל — לערענט מען דוקא עברית בעברית. מאַכט זיך דאס איין פּרעזידענט רעזיגנירט אָדער פאַלט דורך און אַנ׳אַנדערער

ווערט דער ממלא מקומו, ענדערט זיך גלייך אויך די סיסטעם און די מעטהאָ־דען. אזוי ווייסען מיר פון פיעלע פעלע, וואו מען האָט אין די לעצטע עטליכע יאהר געענדערט די מעטהאָדען דריי אדער פיער מאָהל.

אונטער אזעלכע פּאראָנדקעס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס די קליינ־ווארג מאכען ניט קיין פארשריט אין זייערע למודים. דער מאנגעל אין אנ׳אייג־הייטליכען פּראגראם אין אלע תלמוד תורות און אין א גוטע ארגאניזירטע קערפערשאפט פון קאָמפּעטענטע אנטייל נעהמער פּאראליזירט דעם ערציהונגס־אידעאל און שטערט די פערבעסערונג און פּראגרעס.

עס איז שוין צייט געגוג, אז אלע וואס שטרעבען צו פערהאלטען די גאנצקייט פון אידישען פאלק זאלען זיך פעראייניגען און אָנווענדען אלע כחות אבצושאפען אלע איבלען און שטערונגען.

יעצט אין צייט פון וועלט־חורבן און ברייטער קריעג פערשטעהען מיר גענויער ווי ווייט די ערציהונג שפּיגעלט זיך אב אויף׳ן לעבענס־גאנג פון א פאלק. ניט דער שווערד זיעגט — נאר דער פאלקס־לעהרער.

עס זיעגען יענע פעלקער, וועמענס הערצער עס זענען אָנגפיהלט מיט א פעסטען גלויבען און הייסע ליעבע צו זיין פאלק, צו זיין שפּראך און צו זיין לאנד.

און אויב מיר ווילען ווייטער שפּינען און וועבען דעם גאלדענעם פאַ־דים פון אונזער טראדיציאָן, פון אונזער האָפען, פון אונזער גלויבען, פון אונזער פערגאנגענהייט — אויב מיר ווילען ווייטער אויפהאלטען דעם יסוד פון אונזער אייביגער עקזיסטענץ, מוזען מיר מיט פעראייניגטע קרעפטע אנ־ווענדען אונזער גאנצער ענערגיע אוועקשטעלען די ערציהונג פון אונזערע קינדער אויף א געזונדען און פעסטען באזיס.

אין דער ערציהונג פון קינד ליעגט די מאכט פון פאלק.

צווייטער טהייל

א.

דאס אלגעמיינע ערציהונגס פּראָבלעם.

עס איז אויסער יעדען ספק דאס די ארט און ווייזע פון דער ערציהונג מיט וועלכער אונזערע קינדער ווערען ערצויגען, איז אהן אויסנאהם אפּעלער־האפטע און האָט דורכצומאכען א גאנץ נייע ענדערונגס־פּעריאדע.

אין דעם ווארט ערציהונג פערשטעהען אלע די הילף וואס די עלטערען און די סביבה גיבען דעם קינד פונ׳ם ערשטען טאג אן צו ענטוויקלען די גייסטיגע און קערפּערליכע אייגענשאפטען.

די אייגענשאפטען ווי אויך די פעהיגקייטען פון דעם מענשען ענט־וויקלען זיך ניט ווי ביי אלע אנדערע בעשעפעניששען אהן זייטיגע הילפע. דער מענש, וואס איז דער מעכטיגער הערשער איבער אלע עקזיסטירענדע איז באמת פיעל שוואכער ביים געבורט פון דעם קלענסטען און שוואכסטען עופ׳לע. דער מענש קומט אויף דער וועלט גאר אהן פערשטאנד און פיזישע קרעפטען זיך זעלבסט בעהילפיג צו זיין און נאר אדאנק די גוטע לייסטונגען פון דער סביבה בלייבט ער ניט אין דעם זעלבען צושטאַנד און ענטוויקעלט זיך אויף דער העכסטער שטופע גייסטיג און פיזיש.

פערשטעהט זיך, אז ניט אומעטום האט ערציהונג די פולע מאכט ווייל ניט אלע קינדער קענען זיך גלייך ענטוויקלען גייסטיג אדער אפילו פיזיש. איין קינד האט בעסערע איינגעבוירענע פעהיגקייטען און דאס אנדערע האט שוואכערע. איין קינד ווערט געבוירען שטארק געבויט און האָט די ריכטיגע

פפלעגע, אנ׳אנדער קינד ווערט געבוירען קרענקליך און קען זיך דערפון קיינמאָהל בעפרייען.

אויסער דעם איינפלוס פון דער ערציהונג זענען נאך אויך פאראן אנדערע פאקטארען, אורזאכען און סבות וואס האָבען צו טהאן מיט דער אויסבילדונג פון מענשענס נשמה און פארמירונג פון זיין כאראקטער, וועלכע זענען איינענטליך א צוזאמענגיסונג פון פערשיעדענע געוואנהייטען, גע־ירשנ׳טע פון די ערציהער און ערווארבענע פון לעבען און דאס זענען אהן ספק די איינגעבוירענע נייגונגען, פעהיגקייטען, מעגליכקייטען און כאראק־טער צינע. א פאקט דערצו איז, וואס מיר זעהען גאנץ אפט צוויי קינדער פון איין טאטע־מאמע מיט איין און די זעלבע ערציהונג געהען זיך שטארק פאנאנדער אין צוויי בעזונדערע געגענגזעצטע דרכים. איינער וואקסט אויס גוט, פרום, פלייסיג און פעהיג און דער צווייטער וואקסט אויס פונקט פערקעהרט, שלעכט פערדארבען, פויל און טעמפּ.

מעהר פון אלע פאקטארען ווירקט אבער דער ערציהער זעלבסט מיט זיינע לייסטונגען. די ענטוויקלונג פון קינד, די פיזישע און גייסטיגע איז מעהר אבהעניג פון דער ארט ערציהונג וואס ער בעקומט ווי פון דער נאטירליכער איינגעבוירענהייט. דורך א ריכטיגער אויפפאסונג קענען די שוואכערע איינ־געבוירענע פעהיגקייטען זיך פיעל שטארקען פונקט ווי די שטארקערע קענען דורך א פעלערהאפטער ערציהונג פיעל אבגעשוואכט ווערען.

עס איז מעגליך דאס די ערציהונג וועט ווייניג ווירקען געגען די איינ־געבוירענע און געירשנ׳טע פעהלערען און געוואנהייטען, דערפאר אבער וועט זי זיכער ווירקען געגען ערווערבען נייע שלעכטע געוואנהייטען און וועט

די ערציהונג זאל זיין א פאלקאמע און זאל אויסאיבען א מעכטיגען איינפלוס אויפ'ן קינד וועט זי פיליכט אויך פערניכטען די שוואכערע נעוואנהייטען.

די געשיכטע גיט אונז פיעל פאקטען צו גלויבען אין דער מעגליכקייט, אט למשל לערנען מיר פון תלמוד, אז דער גרויסער געלעהרטער ריש לקיש איז געווען א פיהרער פון א גרויסער רויבער באנדע און אדאנק די גוטע ערציהונג פון רבי יחנן איז ער געשטיגען צו דער שטופע פון א גרויסען תנא. עס איז אויך בעוואוסט פון פיעל גרויסע פאלקס־פיהרער פון דער לעצטער צייט ווי למשל גראף לעאן טאלסטאי וועלכער איז געווען אין די ערשטע יאהרען א גרויסער שארלאטאן און דאך זיך ערצויגען צו דער העכסטער שטופע פון מאראל.

די ערציהונג איז דער שטארקסטער פאקטאר און האט די מעכטיגסטע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון מענשענס גייסט און פארמירונג פון מענשענס כאראקטער און אינדיווידואליטעט.

און דא קומען מיר צום פעלערהאפטען פונקט פון דער היינט־מאדישער זאגענאנטער ערציהונג צוליעב וועלכער עס ליידען אזוי שטארק די אידישע קינדער.

לאמיר זעהען מיט וואס בענוצט זיך די היינטיגע ערציהונג? מיט סטראשונקעס, איבערשרעקונגען, מוסר זאגען און גוואלד־שטאפפונג.

קען זיך דער ערציהער פארשטעלען אין זיין געדאנק, אז די אלע דערמאנטע מיטלען ברענגען גאר פערקעהרטע רעזולטאטען ווי ער זעלבסט האט זיך געוואונשען?

עס איז אמת, ווי מיר האבען אנגעוויזען, אז א ריכטיגע אויפפאסונג קען ענדערען די איינגעבוירענע פעהיגקייטען, אבער מיר מוזען געדענקען, דאס

דער ערציהער קען זיי בלויז ענדערען און פאר קיינעם פאל ניט אונטערדריקען. די גייסטיגע איגענשאפטען פון קינד זענען אויסער מיט דעם קערפער אויך פערבונדען מיט דעם מח, און דאס בעווייזט אונז אז קיין שום אויסערליכע קראפט אדער ווירקונג קען ארויסשטופען דאס וואס געפינט זיך אין איהם פון פריהער. די איינגעבוירענע נאטור קען זיך קיינמאהל ניט אויסארבייטען פאלקאם נאך דעם ערציהערס וואונש און בעגריעף. פערקעהרט, אויב דער ערציהער וויל ערענסט האבען ערפאלג מוז ער די ערציהונג צופאסען צו די איינגעבוירענע נאטור פונ'ם קינד.

צוליעב דיעזער אורזאך זעהען מיר טאקע, ווי די מעהרסטע פון אונז־ ערע אחינו בני ישראל, זאל זיי צו קיין גנאי ניט זיין, הינקען שטארק אונטער אין הלכות ערציהונג. זיי זענען נאך ניט געקומען צו דער מדרגה צו פער־ שטעהן, אז צו ענטוויקלען דעם גייסט מוז דער ערציהער זיך צופאסען צו די איינגעבוירענע איינענשאפטען און פעהיגקייטען פון קינד. באמת, וואס איז טאקע דאס קינד שולדיג ווען איין טהייל פון זיין מח איז מעהר ענטוויקעלט און בעסער איינגעבוירען ווי דער אנדערער?

דער אלטער לאזונג אין דער ערציהונג פון אידישען הויז איז געווען אז „דאס קינד זאל זיין א נוצליכער מיטגליעד פון דער געזעלשאפט, זאל פאלגען טאטע־מאמע, אלע פרומע און גוטע לייט און זאל טויגען צו גאָט און צו לייט". געוועהנליך האבען מיר ניט דאגעגען, חלילה, אז דאס קינד זאל זיין „גוט צו גאָט און לייט". עס איז אונזער בעסטער וואונש צו זעהן די אידי־ שע יוגענד ערצויגען צו דער מדרגה, אבער טאקע דערפאר ווייל דאס איז אונזער בעסטער וואונש מוזען מיר זיין געגען די ערציהונגס מעטהאדען.

דעם דאזיגען עיקר פון דער ערציהונג האט מען דעם קינד איינגעשטודירט טאג טעגליך דורך מוסר זאגען, בעשטראפונגען, זידלערייען, קללות און נאך אנדערע גוטע און לייטישע זאכען. מען האט דאס קינד געלערענט זאכען וואס ער האט ניט בעגריפען און פערשטאנען צוליעב וואס ער טהוט עס און פאר וואס ער טהוט עס. דער פאטער האט געגעבען דעם שטרענגען בעפעהל: „איך הייס דיך!“ און דאס קינד האט אונטערען דרוק פון קאנטשיק בלינדערהייט נאכגעמאכט דעם ערציהער גיט האבענדיג דערביי דעם מינדעסטען געפיהל אדער אכטונג צו דער זאך. טאטע־מאמע האבען אזוי געהייסען און אזוי מוז עס זיין.

אויסער דעם וואס מען האט געשאפען קינדער־אויטאמאטען האט מען נאך אין זיי אונטערדריקט די פיזישע ענטוויקלונג דאמיט וואס מען האט געלערענט דאס קינד צו זיין א צוריקגעהאלטענער פון זיינע נאטירליכע געוואנהייטען. א קינד האט ניט געטארט לויפען, שטיפען, רעדען — דאס פאסט פאר א שייגעץ! א אידיש קינד דארף זיך פיהרען מיט א שטאאט, מיט דרך ארץ און מיט איידעלקייט. און האט א קינד חלילה ניט געפאלגט און איז בעגאנגען אזעלכע אונפערצייהליכע פערברעכענס ווי גליטשען זיך אדער לויפען האט עס גלייך בעקומען זיין פערדינטע שטראף — למען ידעו!

אזא מין ארט ערציהונג האט נאך ווי עס איז געפאסט פאר אונזערע עלטערען. דארט אין דעם אלטען לאנד און אין דער אידישער סביבה האט מען ניט געקענט אזוי בולט ארויסשטעלען די פראגע ווי מען זאל ערציהען אונזערע קינדער אלס מענש און איד. דארט איז עס גאר קיין פראבלעם ניט געוועזען און מען האט זיך ניט גענויטיגט צו זוכען די לעזונג, ווייל דער אנטווארט איז געווען א קלאהרער: „מען דארף דאס קינד ערציהען נאך

דעם גייסט פון טאטע־מאמע". און זענען דען חלילה אונזערע עלטערן ניט געווען קיין אנשטענדיגע מענשען און גוטע עהרליכע אידען?

דארט אין דער אידישער סביבה האט מען ניט בעדארפט זוכען קיין נייע, מעהר מאָדערנע סיסטעמען און מעטהאדען. דער ערציהונגס אידעאל און סיסטעם איז געווען ווי אנגעמאסטען פאר דעם דאמאלסטדיגען אידישען לעבען. דאס פאלקס־לעבען און בפרט דאס פאמיליען־לעבען איז געווען איינפאך, אידיליסטיש און פאטריאטיש; דאס גאנצע אידישע לעבען האט געהאט איין פארם און איין קאליר; די פערוואנדשאפט איז געווען א אידישע, א ליעבליכע און א איבערגעגעבענע; דאס אידישע הויז איז פול געווען מיט דער שכינה, מיט רוח הקודש און עס איז ניט נויטווענדיג געווען קיין סיס־טעמען און מעטהאדען — קיין בייזעס האט צווישען פאטער און קינד ניט געקענט געשעהן.

דא אבער געפונען מיר זיך אין א גאנץ נייעם לאנד און אין א גאנץ אנדער סביבה. די איינפאכקייט און דאס טראדיציאנעלע הייליגטום פער־שווינדעט שוין אויך אין דער אלטער היים, אבער דא ביי אונז האט עס גאר קיינמאהל ניט עקזעסטירט. דא זענען מיר געווארען, אזוי צו זאגען, מאדער־ניזירט און פון דעם אמאליגען אידישען און פאמיליען לעבען איז שוין גאר קיין זכר ניט געבליבען. די אומשטענדען און די סביבה האט אונז אריינ־געשטעלט אין א גאנץ נייער פארם אין וועלכען דאס ערציהונגס־אידעאל האלט זיך ניט בעקוועם. דא, אז דאס קינד וואקסט ברענגט ער מיט זיך זיינע אייגענע אידעאלען און זיינע אייגענע בעגריפע וועגען דעם וועד עס איז א נוצליכער גליעד אין דער געזעלשאפט אדער ניט.

ביי די אנדערע איינגעוואנדערטע נאציאנען ערוועקט אויך די נייע סביבה די פראגע ווי אזוי צו ערציהען די יונגענד, אבער ביי אונז איז די פראגע א

פיעל שווערערע און מעהר קאָמפּליצירטע. ביי די אומות העולם האָט יעדע מעהר אדער ווענינער אינטעליגענטע פרווי די בעסטע געלעגענהייט זיך אליין צו בעקענען מיט די גייעסטע און בעסטע מעטהאדען פון דער ערציהונג דורך דער גרויסער און רייכער ליטעראטור וואס ווערט פאר דעם צוועק ארויסגעגעבען פון ספּעציאליסטען־פּעדאגאָגען. ביי זיי שעהמען זיך ניט די רייכע צו געהן הערען אויף לעקטשורס ווי אזוי אם בעסטען צו ערציהען די קינדער. ביי אונז אבער איז עס גאנץ אנדערש: אונזער ליטעראטור איז זעהר ארים, קיין לעקטשורס ווערען איבער אזא וויכטיגער זאך ווי ערציהונג ניט אראנזשירט און דער רעזולטאט איז דאס טאטע־מאמע קומען אב מיט דעם געוועהנליכען קרעכץ „ווי מאכט מען א שטיקעל מענשען פון מיין דזשייקעלע?״

אונזערע ערציהער האבען פון זיך אראבגעווארפען דאס גוטע, דאס אידעאלע וואס זיי האבען גערשנ׳ט פון פיעלע דורות און זיך אנגעטהאן כלומרשט א מאנטעל פון אמעריקאניזם אום צו פערדעקען דאס אינערליכע, וועלכעס האלט שוין ביים פוילען און איינברעכען.

מען האט זיך אנגעכאפּט אן דער פּובליק סקוהל, ווי א דערטרונקענער אן א שטרוי און מיט דעם וויל מען יוצא זיין אנשטאדט ערציהונג; מיט דעם וויל מען ענטוויקלען די אייגענשאפטען און פעהיגקייטען פון קינד; מיט דעם וויל מען דאס קינד ערהויבען צו א מאראלישער שטופע און מיט דעם וויל מען שאפען דעם נוצליכען גליעד פון מענשליכען קערפּער. מיר אידען זענען אימער גוטוויליג און מיר בעמיהען זיך מיט געוואלד אריינ־צושטאפען די בילדונג אינ׳ם קינדס מוח׳ל, אבוואהל עס איז דורכאויס פאלש, ניט נאטירליך, געקינסעלט און שעדליך ניט בלויז פאר דעם גייסט נאר אויך פאר דעם קערפּער פון קינד.

מילא, אז אונזערע עלטערען האבען אונז געשטאפט, האבען מיר נאך פאר זיי א גוטע ענטשולדיגונג: זייער אידישער חוב, דער „ולמדתם את בניכם", און דער שטארקער גלויבען אין דאס הייליגע ווארט האט זיי דיקטירט אזוי צו האנדלען, בפרט אז זיי האבען די ארט ערציהונג פראקטיש און ערפאלגרייך דורכגעפיהרט.

אויב אזא ארט ערציהונג האט ניט געקענט צופריעדענשטעלען געוויסע קריטיקער דעפאר וואס ניט אלע אידישע קינדער זענען געווארען רבנים, לומדים און גאונים, האבען זיי אבער אלע צוגעשטימט, אז די אידישע קינדער זענען דורך דעם מין ערציהונג געוועזן מאראליש הויך ענטוויקעלט, און מעהר פון אלעס, גוטע און שטאלצע אידען, וועלכע האבען זיך געלאזט מקריב זיין פאר אמת און יושר, — אט דאס אליין, זאגען מיר, איז שוין געוועזן א גענוגענדע צופריעדענשטעלונג און ערציהונגס־צוועק פאר דער דאמאלסטדיגער געזעלשאפט, אבער אז אזעלכע מעטהאדען זאלען פראקטי־צירט ווערען ביי אונזערע זאנענאנטע היינטמאדישע אמעריקאניזירטע עלטערען, וועלכע זענען ווייט פון אידישען גייסט כרחוק מזרח ממערב, אז אזעלכע זאלען ניט וועלען וויסען פון קיין גרענעץ און האלטען אין איין שטאפען זייערע קינדער מיט געוואלד בילדונג און וויסענשאפט האבען מיר שוין ניט קיין רעכטפערטיגונג.

ביי די זאגענאנטע „היינטיגע" נעהט די ערציהונג מיט דער בילדונג האנד ביי האנד ווי זיי וואלטען ביידע געוועזן איין זאך. נאך מעהר, ביידע ווערען זיי אויסגעפיהרט דורך צוואנג און געוואלד. נאך נאר אין דער פריה־ערסטער יוגענד ווערט דאס קינד געשטראפט מיט דער גרעסטער אכזריות ער זאל זיך מיט געוואלד צופאסען ניט צו זיינע איינגעבוירענע אייגענשפ־

טען און פעהינקייטען נאר צו דעם ערציהערס איינענשאפטען און נאך דעם ערציהערס ערוואקסענע בעגריפען, מעגען זיי דערביי זיין פאר דער געזעל־שאפט וועמען דער ערציהער בעצוועקט צופריעדענצושטעלען זעהר שמערצליך.

די גאנצע ערציהונג קומט אויף אזא ארט אוים פונקט ווי א מושטירונג. מען לערענט און מען מושטירט דאס קינד קליינערהייט ניט לויט דעם קינדס נאטירליכקייט נאר אונגאטירליך און נעקינסעלט. מען וויל אויף דעם קינד ארויפציהען א מאנטעל פון ערוואקסענהייט אבוואהל ער איז נאך א קינד. מען צווינגט דאס קינד צו טהאן זאכען להכעים זיין נאטור בלויז צוליעב דעם קאפריזנעם און שעדליכען „פאלג א טאטען". מען צווינגט דעם קינד שטודירען געגען זיינע פעהיגקייטען, ווייל דאס קינד מוז געוואהנט ווערען צו טהאן ניט ווי ער בענעהרט נאר ווי דער ערציהער וויל.

דער דאזיגער טיעף איינגעוואקסענער פעהלער פון דער קינדער ערצי־הונג האט זיינע ווארצלען אין דעם, וואס די ערוואקסענע קוקען אויפ'ן קינד ווי אויף א שטיק ליים פון וועלכען מען קען אויסקנעטען וואס מען וויל נאר און נים צו שענקען די מינדעסטע אכטונג צום קינדס פערלאנג, פעהיגקייטען און נייגונג.

ווען דאס קינד וואקסט אויף אביסעל ווערט די ערציהונג אין גאנצען פערוואנדעלט אין אזייט און די בילדונג וואס איז די הויפט שטרעבונג פון ערציהער פערנעהמט איהר ארט. מען פרעגט נאר ניט דאס קינד צו ער איז צופריעדען צו טהאן די ארבייט; מען פארשט ניט אויס צו דאס קינד איז גאר פעהיג אויפצונעהמען אזא זאך; מען אונטערזוכט ניט דעם געמיטה פון קינד צו ער איז גענייגט דערצו — ניין, אזעלכע זאכען קימערען ניט דעם ערציהער, ער האט א ווילען און דער ווילען איז שטארקער און מעכטיגער פונ'ם

קינדס ווילען. א קינד איז א געבוירענער „לויפער" — שרייען די מאמעס — מען מוז א קינד צווינגען צו לערנען. ווער רעדט נאך, אז די מאמע, די ליידי איז זיך מתקנא אין דער שכנ'טע און וויל דוקא איהר קינד זאל ניט אנדערש ווי קענען שפיעלען פיעדעל אדער פיאנא אויף פראנצויזיש, דאן שלאגט מען דאס קינד עד למות ביז עס מוז נעגען דעם אייגענם ווילען און נאטור שטעהן און ציהען דעם בויגען ארויף און אראב אהן א טעם, אהן א ריח און אהן וועלכע עס איז נוצען.

יעדער פאטער און יעדע מוטער בעלעסטיגט די קליינע קינדער, דער אונטערשיעד איז בלויז, וואס די עלטערען ווילען האבען א קינד א דאקטאר, יענע ווילען האבען א קינד א לאיער און גאר אנדערע עלטערען ווילען ניט אנדערש ווי א קינד א מישא עלמאן אדער א פאדארעווסקי . . .

לאמיר נאר זיך דערמאנען, האבען מיר זעלבסט ניט געפיהלט אנ'אונ־פערשטענדליכען פערדרוס געגען אונזערע ערציהער וואס האבען אונז גע־צוואונגען צו ציהען מיט'ן בויגען איבערען פיעדעל ווען אונזער נשמה איז גאר געווען ארינגעטהאן אין קליינעם מעסער'ל וועלכער שניצט אויס אזעלכע שעהנע זאכען? קען דען דער מאגען פערדייען איבערפליסיגע און מיט גוואלד נעשטאפטע שפייז? דער מח איז פונקט ווי דער מאגען און קען קיינמאהל ניט פערדייען ווען מען בעלעסטיגט איהם מיט איבערפליסיגע ידיעות וואס זענען ניט צוגעפאסט צו זיין פונקציאן.

דער הויפט חסרון בעשטעהט אין דעם וואס מיר זארגען זיך ניט גענוג פאר דעם קינדס איינגעבוירענע נאטירליכקייטען. אין פובליק סקוהל, אין תלמוד תורה און אין דער היים האבען מיר בעשטימט א געוויסע מאס און וואג צו וועלכער מיר בעמיהען זיך צוצופאסען יעדעס בעזונדערע קינד און דאס

שטעלט אונז כמעט אין דער לאגע פון אנשי סדום ועמורה וועלכע האָבן פאר אלע אורחים געהאט איין בעטעל מיט א בעשטימטער מאס און אבגעהאקט די פיס פון אורח אויב ער איז געווען לענגער פון בעטעל.

מיר קענען מיט דער ערציהונג אזוי ניט אנגעהן. צו געבען א ריכטיגע ערציהונג מיינט ניט, אז אלע קינדער זאלען אויסגעגלייכט און אויסגע־מאסטען ווערען נאך איין בעשטימטער פארם און מאס, ווייל דאן ווערען די נוצליכע אייגענשאפטען פון קינד וועלכע קענען צופעליג ניט אריינגעהן אין דעם אויסגעארבייטען פארם פאלקאם דערשטיקט און פערניכטעט.

די ערציהונג בעצוועקט ניט צו שאפען מענשען מאטעמאטיקער, מענ־שען שפראכען קענער און מענשען געלערענטע. די ערציהונג ווי מיר וועלען ווייטער זעהען אונטערשיידעט זיך פון בילדונג און האָט אויף זיך א גאנץ גרוי־סע אויפגאבע וואס מוז טיעף אריינדרונגען אין די מוחות פון אונזערע אמע־ריקאנער טאטע־מאמעס וועלכע זענען זיך אזוי שטארק מקריב פאר דער צוקונפט פון זייערע קינדער.

ב.

דער צוועק פון ערציהונג.

נאכדעם ווי מיר האבען גענוי אנגעוויזען אויף די פעלערהאפטע זייטען פון דער אממעהרסטען פראקטיצירטע ערציהונג קומען מיר צו די פראגע: וואס איז אזוינס דער ריכטיגער צוועק פון דער ערציהונג? ווי אזוי ערציהט מען דאס קינד צו דער אמת'ער שטופע פון א מענש? אין וואס בעשטעהען די מיטלען און די וועגען צו דער מענשליכער ערציהונג?

פריהער פון אלעם וועלען מיר פרובירען די ערשטע פראגע, וועלכע איז דער שליסעל צו די אלע איבעריגע פראגען און פראבלעמען.

א פאלקאם ריכטיגע ערציהונג, נאך אונזער מיינונג, מיינט צו געבען נעניגענדע מעגליכקייטען די איינגעבוירענע איינענשאפטען און פעהיגקייטען פון קינד צו דערגעהן צו דער העכסטער מדרגה פון זעלבסטשטענדיגע ענט־ וויקלונג און טהעטיגקייט, דאס הייסט, צו דערפיהרען דעם מענשענס פער־ זענליכקייט ביז א פאלקאמע הארמאנישע ענטוויקלונג.

מען פרעגט אימער: פיעלע לענדער זענען זיך אזויפיעל מקריב פאר דער ערציהונג פון וייערע קינדער און צום סוף זעהען מיר אזויפיעל, כמעט א מערהייט, „פוסטע כלים"?

דער אנטווארט איז דא אן איינפאכער:

די פאלשע ערציהונגס סיסטעם וועלכע איז געניינט מיט גוואלד צו דערשטיקען דעם קינדס איינגעבוירענע פעהיגקייטען איז ניט ביכולת ארויס־

צובערענגען און צו ענטוויקלען דעם טאַלאַנט, ווייל אַ טאַלאַנט קען ניט געשאַפֿען ווערן דורך אַ צווייטענס בעגעהר און שטרעבונג. דאָס קינד מוז דערצו האָבען אַ פֿרייע האַנד אום זיך ברייט און זעלבסטשטענדיג צו בעוועגען מיט זיינע געדאַנקען און געפֿיהלען.

די ערציהונג טאָר ניט וויסען פֿון קיין בעשטימטע מאָס אָדער פֿאָרם. דער הויפּט יסוד פֿון דער ערציהונג איז, דאָס דעם קינד זאָל געגעבען ווערען פֿולע פֿרייהייט אויסצוקלייבען זיין שטודיום און אויב דער ערציהער מיינט ווירקליך צו בערייכערען די מענשהייט מוז ער זאָרגען דאַפֿיר אַז דעם קינד זאָל געגעבען ווערען די מעגליכקייט פֿאָלשטענדיג צו ענטוויקלען זיין פּערזענליכקייט און זעלבסשטענדיגקייט.

מיר ווידערהאָלען נאָך אַמאָהל: דער צוועק פֿון ערציהונג איז ניט אָנצושטאָפּען דאָס קינד דורך צוואַנג און געוואַלד פֿיעלע קענטעניסע אין שפּראַכען, מאַטעמאַטיקס אָדער וויסענשאַפֿטען, ווייל די מעהרסטע טהייל פֿון די דאָזיגע קענטעניסע קענען דעם קינד צו קיין זאַך ניט נוצען, און איבעריגענס, וועט ער זיי פֿערגעסען אַזוי שנעל ווי עס איז נאָר מעגליך.

ווען מען זאָל וועלען גענוי פֿעסטשטעלען די נוצליכע זייטען פֿון וויסענשאַפֿטליכע ידיעות וואָס מען בעקומט אין די פּובליק סקוהלס, וואָלט מען איינפֿאַך ערשטוינט געוואָרען, דערזעהענדיג, דאָס דער גרעסטער טהייל איהרע האָט ניט מינדעסטע ווירקונג אויף דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פֿון מענשענס גייסט.

די מיינונג, אַז מאַטעמאַטיקס און גראַמאַטיק ענטוויקלען די פֿעהיגקייטען פֿון פֿערשטאַנד און דענקונגס־קראַפֿט, איז אין גרונד גענומען אַ פֿאַלשע איינרעדעניש. איהר ווירקונג קען בלויז ערשט פֿאָרקומען, ווען מען האָט

שוין דערגרייכט צו דער העכסטער מדרה פון דער זאך, אבער עס איז נאריש צו בעהויפטען, אז די השערות, זאצען און פראבלעמען, כללים און אויסנאהמען פון דער גראמאטיק און מאטעמאטיק, וועלכע בעלעסטיגען אזוי שטארק דעם קינדס שוואכען מח זאלען אויף א וועלכען עס איז ארט ברענגען נוצען ביים בעטראכטען דאס לעבען, די נאטור אדער דעם מענשען און העלפען דעם קינד ארויסברענגען כאטש איין בעשלוס וועגען זיי.

עס איז אמת, אז עס פערשאפט גרויס פערגעניגען דעם יעניגען וואס איז בעשאנקען מיט א בעזונדערען חשק און פעהיגקייט צו דער זאך און עס העלפט איהם פילייכט אויך ענטוויקלען די פעהיגקייטען ביז א געוויסער ריכטונג, אבער פאר די יעניגע וואס האבען ניט די דאזיגע מעלות האט עס קיין שום בעזאנדערען ווערטה ניט. די פעהיגקייטען צו בעאבאכטען נאטור און מענש, צו מאכען בעשליסע, צו שאפען פעראורטהיילע, צו דענקען און צו אונטערשיידען בלייבט פונקט אזוי ענטוויקעלט נאך דעם לערנען די מאטע־מאטישע פראבלעמען און גראמאטיקאלישע כללים ווי אהן דעם לערנען. די קינדער ווערען בלויז בעקאנט מיט דעם בילדונגס־אידעאל, פעדאגאגישען סיסטעם און עקזאמען פאדערונג. זיי קריעגען ניט קיין ערציהונג, ווייל עס פעהלט אין די אלע למודים די אייגענע בחירה און אייגענער וויסען.

די שעפפער פון די לעהר־ביכער און לעהר־פראגראמען מיינען, ווי עס שיינט, אז זיי האבען צו טהאן מיט אבסטראקטע בעשעפענישען, וועלכע זענען ניט אונטערגעווארפען דעם אלגעמיינעם געזעץ פון מענשליכען גייסט — דאס פערגעסען. וואס בלייבט דען פון די אלע וויסענשאפטען וואס מען שטאפט אריין אינ'ם קינד? אין דער ווירקליכקייט בלייבט דערפון זעהר וועניג.

צו וואס זשע טויג דאן די ערציהונג און צו וואס זענען מיר זיך אזוי שטארק דערפאר מקריב?

דער צוועק פון דער ערציהונג איז א גאנץ אנדערער און האט אויף זיך די אויפגאבע פון אזא זאך ווי אויסצובילדען און צו ענטוויקלען דעם מענשענס גייסט.

מען דארף זיך בעמיהען צו ענטוויקלען ביים קינד די אינטעליגענץ, די פעהיגקייט צו פערשטעהן און גוט אריינצודרינגען אין די פאקטען פון לעבען; זיי צו אנאליזירען אדער אין נויטיגען פאל אויסצופרובירען זייער ריכטיגקייט; צו קריטיקירען די אידעען און פעסטצושטעלען, וואס אין זיי איז פארהאן פאזיטיוועס, זיכערעס און וואס אין זיי איז ניט מעהר ווי בלויז השערה; דערקענען די פאראורטיילען און זיי וויסען אונטערצושיידען פונ'ם פאזיטיווען געדאנק; זיך ניט לאזען פערפיהרען דורך דער קראפט פון פריוואטען און אזוי אויך פון געזעלשאפטליכען לעבען; רעגירען ווי געהעריג אויף די אויסערליכע איינדריקע, האבען איניציאטיווע און קאמבינירען די טהעטיגקייט אויף דעם בעסטען און צוועקמעסיגסטען אופן.

דער צוועק פון דער ערציהונג איז ניט אזוי וויים דאס בעמיהען זיך צו ערווערבען וויסענשאפט, ווי צו ערווערבען קענטשאפט.

ג.

נאכגעבענהייט און דיסציפלין.

דאס גליק פון א מענשען איז אהן צוויפעל אבהענגיג פון דער ארט ערציהונג וואס ער בעקומט אין זיין פריהערסטער יוגענד. ווען א פאטער רעדט מיט ערענסטקייט וועגען דער ערציהונג פון זיין קינד האט ער בלויז אין זינען דאס גליק פונ'ם קינד פערזענליך און דאס גליק פון דער גאנצער מענשהייט. ניט אלע ערציהער האבען אבער דעם זעלבען מיינונג איבער דעם וואס עס הייסט זיין אליין גליקליך און אויך גליקליך מאכען די מענשהייט. זעהר פיעלע טייטשען עס אוים אויף זעהר א שלעכטען אופן און ערציהען דאס קינד פאר א בויגזאמען מאטעריאל; ער זאל קענען זיין א צופריעדענער אינסטרומענט אין דער האנד פון א צווייטען מעהר ענט־וויקעלטען און שארפען מח; ער זאל ניט האבען קיין אייגענעם ווילען, קיין אייגענער פערזענליכקייט, ווייל דאס גליק פון דער מעכטיגער געזעלשאפט שטעהט ביי דעם ערציהער העכער פון אינדיווידואלער ענטוויקלונג.

פערשטעהט זיך, אז אזא ארט עריהוצנג איז ווייט פון צו ברענגען גליק דעם מענשען אדער די מענשהייט. א מענש קען נאר דאן זיין גליקליך ווען ער קען זיך איבערגעבען זיין אינדיווידואלער טהעטיגקייט וואס זאל זיך פאסען אמבעסטען צו זיינע איינגעבוירענע פעהיגקייטען; ווען ער קאן אליין עפעס טהאן און ניט ווען מען קען מיט אהם עפעס טהאן; ווען ער קען בולט ארויסצייגען זיין אייגענע נשמה און זיינע אייגענע קרעפטען.

ווען דער איינענער אינדיווידואליטעט איז ניט גוט ענטוויקעלט מוז דער מענש זוכען דאס גליק און צופרידענהייט ניט אין זיינע גייסטיגע אייגענשאפטען נאר אין דעם עולם הגשמיות: גוט עסען, גוט טרינקען, לאנג שלאפען, פרייליך פערברענגען, מאראליש אדער ניט מאראליש — אבי גליקליך צו זיין.

ביי אונז אידען איז אפילו דער צושטאנד ניט אזוי שטארק שרעקליך. מיר אידען, איבערהויפט געבוירענע און ערצויגענע אין ניט קיין פרייע לענדער האלטען שוין גאר ניט פון קערפערליכע פערגעניגענס, אבער דערפאר איז ביי אונז פארהאן אנאנדער צרה און פילייכט נאך א גרעסערע דאמיט וואס מען ערציהט דאס קינד זיך צוריקצוהאלטען פון די אייגענע פערלאנגען און שטרעבונגען.

יעדעס קינד האט אן איינגעבוירענעם כאראקטער וואס לאזט זיינע שפורען אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון זיין לעבען. איין זאך וויל דאס קינד און דאס אנדערע ניט, איין זאך ליעבט עס מיט דער גאנצער נשמה און דאס אנדערע האסט עס מיט'ן לייב און לעבען.

אלזא, קען זיך דאס קינד פיהלען גליקליך ווען מיר צווינגען איהם צו האנדלען געגען זיין ווילען און פערלאנג?

מיר זעהען אין יעדע אידישע הויז ווי מען צווינגט דאס קינד צו זיין א נעביכעל, צו זיצען רוהיג שטיל און קיינעם ניט שטערען. דאמיט דענקען די עלטערען צו שאפען דאס גליק פאר דעם קינד און איהם צו געבען א ריכטיגע ערציהונג, אבער דאס איז א געוואלדיגער טעות, וועלכער מוז דורכ־אויס פעררעכט ווערען. דאס קינד מוז האבען די פולע פרייהייט צו שטי־

פען, טאנצען, זינגען, קריכען, קלעטערען ניט בלויז אום צו ענטוויקלען זיינע פיזישע קרעפטע נאר אויך זיינע גייסטיגע און אינטילעקטועלע קרעפטע. שטיפען, קריכען א. ד. ג. זענען דעם קינדס נאטירליכע איינגענשאפטען, דאס איז דעם קינדס איינגעבוירענער כאראקטער און ווען איהר אונטערדריקט עס אין זיין פריהסטער יוגענד, געוואוינט איהר דאס קינד צוריקצוהאלטען זיין ענערגיע, זיין ווילען, זיין שטרעבען און אויך זיין פערזענליכקייט.

גוטסקייט, גינציגקייט, איבערגעבענהייט און נאכגעבענהייט זענען די וויכטיגסטע פאקטארען פון דער ערציהונג און דאס אמוועניגסטענס מוזען די עלטערען ארויסווייזען צו זייערע קינדער. די אונוויסענדע מוטער וואס פערשטעהט ניט גענוג זיך אבצוגעבען מיט דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די קינדער וועט שוין דאמיט אליין העלפען דעם קינד. ווען זי ערפילט ריכטיג און איבערגעבען איהרע מוטער פפליכטען וועט איהר ליעבע, צערטליכקייט, איבערגעבענהייט ענטוויקלען אינ׳ם קינד גוטע און מענשליכע זייטען און העלפען פון איהם אויסווארצלען די שלעכטע איינגעבוירענע און איינגעוואוינ־טע זאכען.

אונזערע טאטע־מאמעס זענען שטארק נערוועז, זיי קענען ניט פער־טראגען ווען דאס קינד שטיפט אדער זינגט און אנשטאדט ארויסצואווייזען צופריעדענהייט שרייען זיי אויף איהם: שטיל! באמער! שטיל! און די מאמע וואס זאל מיר מוחל זיין, האט א נאטור צו שילטען אהן א פארוואס און אהן א פאר־ווען לייגט נאך צו עטליכע קללות אויף דער גאנצער הויבער אקטאווע אדער כאפט עפעס וואס עס איז אין האנד און איז דאמיט מכבד אויפ׳ן ריכטיגען שטייגער.

פערשטעהט זיך אז אזא האנדלונג איז אונמענשליך זאגאר פון דעם אונ־

וויסענדען, און עס פערדארבט דאס הארץ און געדאנק פון קינד.

אויב איהר זענט אונגעדולדיג און נערוועז פון נאטור און קענט פאר קיינעם פאל ניט פערליידען דעם ליארם און געשריי פון אייער קליינוואַרג, דאן איז דער אייציגער מיטעל פאר אייך צו טהאן, ארויסצוגעהן פון דעם צי־מער וואו די קינדער געפינען זיך אדער אין גאנצען צו פערלאזען דאס הויז, אבי די קליינוואַרג זייער פערגעניגען ניט צו שטערען.

קליינע קינדער דארפען האָבען גענוג פלאץ און צייט צו ליארמען און צו פילדערען וויפיעל זייער הארץ גלוסט. צו פערהינדערען קינדער צו איבען זייערע ארגאנען איז איין אומרעכט. קינדער דארפען שרייען ווען זיי ווילען און וויפיעל זיי ווילען, ווייל יעדער געשריי וואס א קינד לאזט ארויס אין א פרייליכען געמיטה איז א שריט נעהענטער צו זיין קערפערליך און ממילא אויך גייסטיגער ענטוויקלונג. דאס שרייעןברייטעט אויס דעם קינדס לונג און דאס ארבייטען און בעוועגען ענטוויקלען דעם געבוי פון זיין קערפער און פערזענליכקייט.

טהעטיגקייט איז א סימן פון לעבען און פון געזונדהייט. אונטהעטיגקייט איז קראנקהייט און אונטערגאנג. א געזונטער מענש וואס איז פול מיט לעבען, פול מיט ענערגיע, אהן אונטערשיעד פון עלטער, קען ניט רוהען און פאדערט טהעטיגקייט און בעוועגונג פאר אלע זיינע אברים. ווען א מענש איז קראנק אין קערפער אדער אין גייסט קען ער בלייבען רוהיג זיצען אויף אנ׳ארט. א תם, אנ׳אידיאָט קען ווענדען זיין בליק אויף אבעשטימטען פלאץ ניט געפינענדיג קיין אינטערעס אין דעם.

עס איז אבסאלוט ניט קיין שלעכטער סימן אויב א קינד איז טהעטיג, מאַכט ליארם, שטיפט, זינגט און טאנצט. אלס לעהרער ווייסען מיר פון

פּראַקטיק, דאָס גראַדע די קינדער וואָס מיר זענען געוואוינט צו רופן ווילדע זענען די בעסטע אויפצונעהמען די למודים און זיי צו געדענקען. דאַגעגען די קינדער וואָס זענען שטאַטנע און ריהרען ניט אָן קיין פליעג אויפ׳ן וואַנד זענען ניט מיט אַלעמען און זייערע פעהיגקייטען זענען ווייט ניט ענטוויקעלט.

קיינער וועט ניט אַבלייקענען, אַז קינדער דאַרפען האָבען פּיעלע פרייהייט אין זייערע האַנדלונגען און די עלטערען דאַרפען צו די קליינוואַרג אַרויסווייזען געגנוג צערטליכקייט; אַז כל זמן דאָס קינד איז נאָך אין זיין פריהלינגס־פּעריאָד טאָר ער ניט זעהען די שוואַרצע זייטען, די שרעקליכע אַנגסטען און פּיינליכקייטען פון טרויעריגען אַלטעגליכען לעבען. זיי, די קליינוואַרג וועלען נאָך האָבען צייט צו שלעפּען דעם שווערען יאָך אין דורכצומאַכען די יסורים און האַרצקלעמענישען פון ברויזענדען לעבענס־ים. ווען זיי וועלען אונטערוואַקסען — וועלען זיי אַלץ אויסגעפינען און דורכלעבען די טונקעלע, אַזוי גוט ווי די ליכטיגע זייטען פון דער נאַקעטער אַלטעגליכקייט.

עס איז אָבער, פון אַלע שטאַנדפּונקטען אונלאָגיש — און אַפּטמאָהל אויך גאַנץ שעדליך — אַרויסצוציינען די קינדער צופיעל גוטסקייט, צופיעל צערטליכקייט און צופיעל צוגעבונדענהייט. די עלטערען וואָס שטרעבען צו ערציהען זייערע קינדער צו זיין פאַרבערייטעט צו דעם שווערען לעבענס־יאָך פון זיין ערוואַקסענהייט מוזען זיך בעמיהען צו אונטערדריקען ווען נויטיג די אייגענע געפיהלען און ניט אַרויסצוציינען קיין איבעריגע גוטסקייט ווייל דער איבערפלוס פון צערטליכקייט וועט ברענגען מעהר שאַדען ווי נוצען.

מען טאָר קיין קינד אַרויסווייזען קיין איבעריגע צערטליכקייט, ווייל

דאס ווירקט זעהר שלעכט אויף זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. מען טאר פאר דעם קינד ניט איבערפארבען די וועלט אין צו העלע פארבען, ווייל דאס קינד וועט אייביג ניט שטעהען אויף איין פונקט. ער וועט שפעטער אויסוואקסען און קומענדיג מעהר אין בעריהרונג מיט דער וועלט, וועט ער זיך דערוויסען פיעלע זאכען וואס זענען איהם אין די קינדערישע יאהרען אזוי שעהן געמאהלט געווארען, טראגען ניט דעם ריכטיגען קאליר און פיעלע זאכען האבען ניט אויף זיך אפילו די מינדעסטע שפור פון ווארהייט.

וואס פאר א רעספעקט קענען דאן די קינדער האבען צו זייערע טאטע-מאמע? מיט וואס פאר א אויגען וועלען זיי דאס דאן קוקען אויף די „עהרליכע" און „אויפריכטיגע" ערציהונג פון טאטע-מאמע?

עס זענען די לעצטע עטליכע יאהר ערשיענען פיעלע פעדאגאגען און געלעהרטע, וועלכע זענען מיט דער מיינונג, אז די נאכגעבענהייט און צערטליכקייט דארף ניט בעגרענעצט ווערען און אז די ערציהונג דארף פון זיך אויסשליסען דעם „לא תעשה", דאס הייסט, אז עלטערען זאלען קיינמאהל ניט שטערען דאס קינד אין זיינע טהאטען, בעוועגונגען א. ז. וו. ווען מען זעהט עפעס ניט קיין גלייכע זאך פון קינד זאל מען ניט זאגען „טהו נישט", נאר אויסמיידען די געוועהנליכע ערקלעהרונג וואס פאלגט נאך אזא בעפעהל און גלייך פעראינטערעסירען דאס קינד אין אנאנדער טהאט אדער בעוועגונג. מיר האבען די טהעאריען גרונדליך און פארזיכטיג דורכגעשטודירט און מיר מוזען זיך מודה זיין, אז מיר האבען ניט גוט פערשטאנען, ווי אזוי די מעטהאדע מאמענטאל צו פעראינטערעסירען דאס קינד מיט א צווייטער טהאט אום איהם אוועקצורייסען פון דער שעדליכער אדער ניט געוואונשטער טהאט וועט העלפען דעם קינד זיך אבצוגעוועהנען פון די שלעכטע מעשים.

איבערהויפט בעציהט זיך די אויבענדערמאהנטע טהעאריע אויף דער נאטור פון קינד צו ווילדעווען און צו ליארמען, אבער מיר זעהען ניט איין פאר וואס מען זאל די קינדער הינדערען פון זייערע נאטירליכקייטען און בכלל זעהען מיר ניט איין די פעולה פון אויסבייטען אזא לייכטע און קלאהרע מעטהאדע ווי איבערצוצייגען דאס קינד די שעדליכקייט פון זיין האנדלונג אויף דער מעטהאדע דאס מען זאל דעם קינד פעראינטערעסירען אין א צווייטער ניט שעדליכער זאך. מיר זענען זיכער דאס אזוי שנעל ווי דאס קינד וועט פערלירען דעם אינטערעס אין דער נייער זאך, וועלכעס מוז זיכער פאסירען וועט ער זיך ווידער נעהמען צו דער פריהערדיגער ניט געווינשטער פערוויילונג.

א קינד מוז וויסען ביי דער גרעסטער פרייהייט וואס ער מעג און וואס ער טאר נישט. יעדע סיסטעמע מוז האבען פערבאטונגען און יעדעס געזעץ מוז האבען אויסנאהמען.

עלטערען דארפען באמת זיין געדולדיג מיט די ערשטע טריט פון זייערע עופ'עלעך. מען דארף זיי לאזען זיך פריי ענטוויקלען, פערשטארקען דעם קינדס דענקונגס־קראפט און אינדיווידועלער פערזענליכקייט. ווען מען זעהט אבער עטוואס פונ'ם קינד וואס איז ניט ווינשענסווערט און קען שאדען דעם גאנג פון דער ערציהונג מוז מען דעם קינד דארויף אויפמערקזאם מאכען. דערצעהלט דעם קינד א שעהן מעשה'לע וואס זאל האבען אין זיך א מוסר השכל וועגען דער שעדליכקייט פון זיין טהאט, ווייזט איהם א ביישפיעל וואס זאל אבשפיגלען דעם שלעכטען רעזולטאט פון דעם פערברעכען און האט בכלל אין זינען דעם גרויסען פסיכאלאגישען אמת, אז גוטע ביישפיעלע מיט קאלטבלוטיגע נאטירליכע בעשטראפונגען העלפען מעהר צו בעאיינפלוסען

א קינד און צו ווירקען אויף זיין מאראל ווי די בעסטע בילדונג.

מיר הערען אפט די פארווירפע פון אונזערע ווארט פיהרער דאס די מאסען זענען ניט גענוג ענטוויקעלט, פערשטעהען ניט דעם אייגענעם „איך", ווייסען ניט די שייכות צו זייערע מיטברידער און בעגרייפען ניט זייער אייגענע פאזיציאנען; מיר הערען די פארווירפע דאס אנשטענדיג טעאטער קען ניט עקזיסטירען, די מאסען ליפען פון ערענסטעס און מאראלישעס און קוויקען זיך מיט ציניזשע ליעדלעך, פארנאגראפישע ראמאנען און באלאגאנישען הומאר; מען הערט טאג טעגליך דאס קלאג ליעדעל, אז די ליטעראטור קען ניט וואקסען, די מאסען זענען פערפרעמדעט פון שעהנער פאעזיע און ציהען זייער השפעה פון „בינטלעך" מיט „פאסטען", פון „שטיקלעך און ברעקלעך", פון „יענטע" און „פיניע", וויל זיך אבער ווער אריינטראכטען אין דעם יסוד פון דעם צושטאנד? וויל מען דען זעהן די טיעפעניש פון אזא לאגע? האט מען געפרובירט פערשטעהן די סבות וואס האבען אנגעפיהרט דעם פראצעס?

מען פרובירט די פראגען פערענטפערען מיט טיעפע פילאסאפישע סבות, מען פרובירט צו ווארפען די אורזאכען אויף די אוננארמאלע אומשטענדען, אויף די פרישקייט און ניט ערצויגענהייט פון די שרייבער, שעפער און לעהרער, און קיינער וויל ניט איינזעהען די אויבענשווימענדע אורזאך, וואס די ערציהונגס סיסטעמע איז ביי אונז אפערקריפעלטע און פערדארבענע.

איז דען דאס דערמאנטע ניט דער פראדוקט און רעזולטאט פון דער אזוי אנגענומענער ערציהונגס־מעטהאדע, וואס אונטערדריקט דעם אייגענעם גייסט און לערענט זיך בלינדערהייט נאכצושלעפען נאך די ניעדריגסטע בעגריעפען און געפיהלען?

צווישען די מענשליכע נאטירליכע אייגענשאפטען געפינט זיך די פעהיגקייט צו דערפיהלען וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט, וואס עס איז שעהן און וואס עס איז מיאוס, וואס עס איז גרויס און וואס עס איז ניעדריג, וואס עס איז ערהאבען און וואס עס איז אונווירדיג און אט דיעזער געפיהל פעהלט ביי די מעהרסטע פון די מאסען. די ערציהער וועלכע האבען בעצוועקט צו שאפען ניצליכע מיטגליעדער פאר דער געזעלשאפט, האבען ניט געגעבען קיין מעגליכקייטען צו ענטוויקלען דאס אייגענע געפיהל, און דאס איז די הויפט אורזאך פאר וואס דאס פערגעניגען בעשטעהט בלויז אין רייצענדע סענסאציאנעלע שונד־זאכען אנשטאדט גוטע און בעלעהרענדע ליטעראטור. מיר זענען ניט קיין פערזענליכקייטען, מיר האבען ניט קיין אינדיווידואליטעט. מיר זענען מאשינען אין די הענד פון יעניגע וועלכע גיבען די ווענדונג צו אונזערע מעשים אזוי ווי צו אונזערע מחשבות.

מיט דער פעהיגקייט צו דערפיהלען גוטעס און שעהנעס איז ענג פערבונדען די פעהיגקייט צו האבען פערגעניגען פון דעם וואס איז שעהן און גוט און ווען עס פעהלט אט דיזע פעהיגקייט דאן קען מען שוין גליקליך ניט זיין. די געוועהנליכע ארבייט וואס מיר טהוען יעדען טאג ווערט ניט געטהאן צוליעב דער נאטירליך ארויסגערופענער אייגענשאפט און נייגונג דאס צו טהאן, נאר צוליעב צוואנג אום אנצוהאלטען דעם קיום הנפש, ניט פערשטויסען און פערראכטעט צו ווערען. דאגעגען דער פראפעסיאנעלער מאן, וועלכער טהוט אויך זיין ארבייט צוליעב דער זעלבער אורזאך פיהלט דערביי מעהר צופרידענהייט און גליק, ווייל ער איז געקומען צו זיין פראפעסיאן,

מעהרסטענס, דורך א געוויסער נייגונג און פעסטען ווילען. איהם האט די ערציהונג דערצו געהאָלפען. ער האט זיין אינדיווידועלער פערזענליכקייט, זיין אייגענשאפט און זיין פעהיגקייט פריי ענטוויקעלט.

יא, דאס גליק און צופרידענהייט קען בלויז קומען דורך דער ערציהונג פון ענטוויקלען דעם מענשענס אינדיווידואליטעט.

און ווען מיר רעדען וועגען דער פרייער ענטוויקלונג פונ׳ם קינדס אינדי־ווידואליטעט מיינען מיר ניט, די פאלקאמע נאכגעבענהייט צום קינד, אבער מיר זענען זיכער דאנגען די יעניגע וואס שרייען אז נאכגעבען א קינד איז בכלל א געפעהרליכע זאך, ווייל עס פיהרט צו פערברעכענס. מיר האבען אלע זיך אנגעזעטיגט מיט די געשרייען פון אונזערע ערציהער: „וואס איך וועל דיר נאָכגעבען דיינע שמד־שטיק? א ניט דערלעבען זאלען עס שונאי ישראל!״ אדער: „אז די מאמע הייסט געהן עסען, געהט מען.״ מיר געדענקען גוט די געשרייען, קללות, חרמות און קלעפ וואס האָבען דאן נאָכגעפאלגט, און עס וואונדערט אונז וואס מיר זענען נאך עפעס שטיקלעך מענשען מיט בעגריפען און שטרעבונגען.

עס איז קיין צווייפעל, אז א קינד מוז געניסען דעם פולען טעם פון גן עדן אין זיינע קינדערשע יאהרען. ווייל מען דאס קינד זאל זיך ערציהען ווי א גוטע און ניט ווערעמדיגע בלום, מוז עס געניסען פולע פרייהייט זיך פאנאנדערצובליהען אין זיין פולען גלאנץ; עס מוז געניסען אנ׳אנגענעהם און צערטליך ווינטעל אין דער סביבה, שטענדיגע מענשען־ליעבע, טרייע צערטליכקייט און א פרייליך־לוסטיגעס געמיטה. מען מוז וויסען ווי צו פעראייניגען די פרייע ענטוויקלונג און נאָכגעבענהייט מיט דעם קינדערישען פערגעניגען, ווייל א קלאָהרער, ריינער גייסט און געזונדער קערפער קען

בלויז קומען פון א גוטער פפלעגע אין דער פריהערדיגער קינדהייט.

מיר בעגעגענען גאנץ אפט רייכע קינדער וואס עסען געזונטע שפייז, שלאפען בעקוועהם, בעזוכען אריסטאקראטישע סעמינאריומס און דאך האבען זיי א טריעבען און אומעטיגען בליק, וואס דריקט זיך אב אויף זייער שוואכען גייסט און פעהיגקייט.

די אורזאך איז, וואס דאס קינד ווערט געהאלטען אין א שטענדיגען אריסטאקראטישען צוים פון כלומרשט׳דיגען דרך ארץ און אויפפיהרונג. ניט אימער לאזט מען דאס קינד זיך שפיעלען און ניט מיט יעדען לאזט מען איהם קומען אין בעריהרונג, ווייל דא איז דעם שכן׳ס קינד ניט גענוג אריסטא־קראטיש, און דארט איז עס ניט גענוג מאדערן אדער רייך געקליידעט, אב־וואהל זעהר אנשטענדיג און גוט ערצויגען.

מיר מיינען דא ניט די הויך אריסטאקראטישע קרייזען, וועלכע מיר אידען האבען בכלל ווענינ, נאר די גאנץ געוועהנליכע בעלי בתים, וואס מיינען אז דער אריסטאקראטישער וועג איז דער ריכטיגער שניט צו דער מאדער־נער ערציהונג.

עס איז שעדליך צו זיין שטרענג פונקט ווי עס איז שעדליך צו זיין אין יעדען פאל נאכגעביג און לאזען דאס קינד אויספיהרען יעדען שעדליכען אדער נארישען קאפריז, אבער מען טאר פאר קיינעם פאל, ניט האבען אנ׳אויסגעארבייטע מאס פון שטרענגקייט.

נערעכטע שטראף אין א גאנץ מעסיגער מאס שאדט ניט דעם קינד און וועט פון איהם ניט אוועקרויבען די מונטערקייט און לוסטיגען געמיטה, אבער די שטראף מוז נאכפאלגען א פאלקאמע פערגעבונג און בעזונדערע צערטליכקייט.

אונזערע ערציהער האבען אבער קיין גרענעץ נים. ביי יעדען מאמענט דערמאנט מען דעם קינד וועגען שטראף, און אט דאס איז דער געפעהרליכ־סטער וועג פון דער ערציהונג, ווארום אויסער וואס עס מאכט דעם קינד קאלאמוטנע אויפ׳ן הארצען און שטערט די ארבייט פון זיינע געדאנקען ברענגט עס קיינע נוצען. דעם קינד ווערט צוגעגעסען אט די שטענדיגע שטראף רייד און דער סוף איז, אז זיי פערליערען דעם גאנצען געוואונשטען עפעקט. הרגיל נעשה טבע — ווען א קינד געוואוינט זיך איין צו די זאך לייגט ער אויף דעם מעהר קיין אכט נים.

ערציהענדיג א קינד מוז מען אמאהל אין נויטיגע פעלען אנווענדען אביסעל שטרענגקייט, אבער נאר אין נויטיגע פעלע און דאן מוז עס געטהון ווערען מיט טאקט און געלאסענהייט, אום ניט ארויפצוואארפען אויפ׳ן קינד א מרה שחורה וואס מאכט דעם קינד זיך צוריק צו האלטען פון פיעלע טהאטען וועלכע זענען גאר ניט שעדליך נאר גראדע נוצליך.

דאס קינד מוז ערצויגען ווערען צו זעלבסט בעהערשונג, און כל זמן זיינע טהאטען זענען נים פערברעכערישע אדער צופיעל נארישע טארען זיי איהם ניט געשטעהרט ווערען זאגאר ווען זיי זענען ניט זעהר עטיקעטיש און אריסטאקראטיש.

ווען דאס קינד וועט זיין צופריעדען און פיהלען די ליעבשאפט פון די ערציהער וועט עס ממילא נאכקומען די גוטע זיטען פון זיין ערציהער און דער גייסט וועט ניט געשטעהרט ווערען זיך פריי צו ענטוויקלען נאך די פעהיגקייטען פון זיינע איינגעבוירענע אייגענשאפטען.

ד.

די ערציהונגס־מיטלען.

די מיטלען ווי אזוי צו ערציהען דאס קינד אויף דעם אויבענדערמאנטען גייסט האבען מיר שוין מעהר אדער וועניגער אנגעוויזען אין די פאריגע קאַ־פּיטלען. דא ווילען מיר זיך גענויער אבשטעלען אויף אייניגע פון די הויפּט יסודות פונם קינדס כאראקטער און זיין ענטוויקלונג.

א קינד איז דאס וויכטיגסטע אויף דער וועלט, ווייל א געזונד קינד מיט א גוטער מאראל מיינט די פארטזעצונג פון דער מענשהייט־עקזיסטענץ אין דער ווייטער צוקונפט.

„דאס קינד איז פאטער צום מאן”, האט געזאגט דער גרויסער ענגלישער פּאעט וויליאם ווארדסווארטה, און זייט דאן האט זיך דאס ווערטעל איינ־געקערפּערט אין דעם ענגלישען פאלקס לעבען און איז געווארען די הויפּט קוועלע פאר אלע דענקער אין קינדער ערציהונג. דאס ווערטעל דריקט אויס דעם איינפאכסטען אמת, דאס קינד איז פאטער צום מאן — ווען עס וועלען קיין קינדער ניט זיין, וועלען קיינע מענשען ניט זיין.

א מאן ווי פעהיג ער זאל ניט זיין קען בלויז טהאָן פאר דער צייט וואס ער האט נאך אין זיך דעם לעבענס אטהעם; די פרוי וועלכע נוצבארע זאכען זי זאל ניט טהאָן וועלען זיי זיך ענדיגען מיט דער ענדע פון איהר לעבען. א קינד אבער מאכט די עלטערען אונשטערבליך, און זעצט פאר די ארבייט

און אידעאלען וואס זענען איהם איבערגעגעבען געווארען בירושה.

דערפאר איז דאס דער חוב פון ערציהונג אזא שטארקער און פאדערט צו האבען א גענויע אויפפאסונג אויפ'ן קינד, אום ריכטיג איבערצוגעבען די פיזישע און גייסטיגע ירושה.

פערנאכלעסיגונג איז א פערברעכען צוליעב וועלכען עס ליידעט ניט בלויז דאס קינד נאר אויך די עלטערען. פערנאכלעסיגט מען איין קלייניגקייט ווערט דאס קינד דערצו איינגעוואהנט און ענטוויקעלט זיך צוזאמען מיט דער געוואנהייט.

„געוואנהייט איז די צווייטע נאטור" איז ווירקליך זעהר א ריכטיג שפריכווארט, מיר גרויסע ערוואקסענע מענשען טהוען פיעל זאכען בלויז אויס געוואנהייט, אבוואהל מיר וואלטען עס ניט געוואלט טהאָן און דאס ערשטע פאלט דארום אויף דעם ערציהער אכטונג צו געבען דאס קינד זאל ניט קומען צו קיין שלעכטע געוואנהייט.

די מוטער איז פון נאַט בעשאנקען מיט דער נאטור זעהר פאָרזיכטיג צו בעאָבאַכטען אויף דער ענטוויקלונג פונ'ם קינד און צו שענקען פערזענליכען אויפמערקזאמקייט אויף דער גייסטיגער און מאראלער ערציהונג פונ'ם קינד, אבער ליידער האָט זיך די מוטער, די נייע מאָדערנע פרוי, געשטעלט די אויפ־גאבע אין נאָמען פון ציוויליזאציאָן צו בעקעמפפען זייער מוטער־נאטור, און פערגעסען דערביי, אז די מינדעסטע לעבעדיגע בעשעפעניש אויף דער וועלט ערפיעלט מעהר איהר פפליכט צו ערציהען איהרע קינדער ווי די היינט געביל־דעטע דאמע, וואס האַלט אלס דאס וויכטיגסטע אינם לעבען אלערליי נאריש־קייטען נאר ניט פערברענגען מיט די קליינווארג.

די פערנאכלעסיגונג ברייננגט דאצו אז די קינדער זאלען זיך איינגעוואה־ נען צו זעהר שלעכטע זאכען, וועלכע ווערען שפעטער נאטירליכע ערשיינונגען און עס איז שווער זיך דערפון צו שיידען.

יעדער ערציהער מוז זעהן איינגעוואהנען דאס קינד צו טהאן נוצליכע זאכען, צו לעבען א רעגעלמעסיגען לעבען, צו זאגען דעם אמת, צו ענטוויקלען שעהנע מאניערען, גוטהערציגקייט, צו ליעבען דעם מיטברודער א. ז. וו.

קינדער לערנען קיין זאך ניט איינער פון דעם אנדערען, אויסער ווי אזוי זיך צו שפיעלען, צו פערגעטערען די ערוואקסענע, וועלכע זענען די שטארקערע און מעהר דורכגעטריעבענע און נאך אנדערע זאכען. אבער מעהרסטענס לער־ רענט זיך דאס קינד פון די עלטערען, ברידער, שוועסטער און די הויזיגע סביבה און דערפאר מוז יעדע בעוועגונג אין דער אנוועזענהייט פון קינדער זיין א געוואוינגע און געמאָסטענע. אנשטאדט צו ווענען און צו מעסטען דעם קינד מוזען דאס טהאן די גרויסע, און די קינדער לערנענדיג זיי צו דענקען און זיך פריי צו ענטוויקלען וועלען עס שוין ממילא אויפכאפען.

פיעלע זענען מיט דער מיינונג אז א גוטער כאראקטער זענען אדער גע־ בוירענע זאכען אדער בכלל גאר א פוסטע זאך און ניט וויכטיגע נויטווענדיג־ קייט. דאס קינד וועט עלטער ווערען, זאגען זיי, וועט ער אליין פערשטעהען און פיהלען, ווייל ער וועט קומען אין בעריהרונג מיט דער געזעלשאפט וועט ער עס פון זיי ערלערנען.

ליידער מאכען די יעניגע עלטערען א געוואלדיגען טעות און ווארפען אומזיסט ארויף די שולד פון קינד, ווען ער וואקסט אויף שלעכט און פער־ דארבען, אז „ער איז שלעכט פון געבארענהייט אָן".

א קינד האָט בטבע ליעב נאָכצוטהאן די מענשען פון הויז און ווען מען שענקט ניט קיין אויפמערקזאמקייט אויף איהם פון געבווירענהייט אָן קלייבט עס אויס די שלעכטע מעשים אלס די מעהר פאסענדע און ווערט פון זיי שטארק בעאיינפלוסט.

עלטערען מוזען ווערען די גוטע פערטרויענסווערטע פריינד פון זייערע קינדער. א קינד טהאר פאר קיינעם פאל ניט מורא האָבען עפּעס אייך צו דער־צעהלען. א קינד דארף אונטער קיינע אומשטענדען ערלויבט ווערען צו בעהאל־טען סודות פון די עלטערען.

פון וואנען נעהמען זיך צום קינד סודות? וואס פאר א אורזאכען קענען שאפען אין דעם קליינעם מח'ל א פערדאכט דאס די און יענע זאך דארף מען ניט דערצעהלען?

איבריגע שטרענגקייט, אייביגע אנגעבלאזענהייט און לייכטזיניגע בע־ציהונג צו די קינדערשע פערלאנגען.

אין די פרייע מינוטען פרעגט אויס דאס קינד וואס עס האָט געלערענט אין פערלויף פון טאג, ווערט געוואהר מיט וועמען דאס קינד האָט זיך אין דער צייט בעגעגענט און וואס עס האָט אויסגעפונען קומענדיג אין בעריהרונג מיט די אנדערע קינדער און סביבה.

דאס קינד מוז געוואוינט ווערען צו בעדענקען זיינע טהאטען און האנד־לונגען. יעדען אבענד דארף דאס קינד גענוי איבערגעבען זיינע איבערלעבונ־גען פון טאג און די עלטערען זענען פערפליכטעט דאס קינד נעדולדיג אויסצו־הערען זאגאר דאן ווען עס איז אבסאלוט קליינליכקייטען און ניט וויכטיג. קוים ועט דאס קינד איינזעהען דאס זיינע ערצעהלונגען זענען פאר די על־

טערען נים וויכטיג און אינטערעסאנט וועט ער אנהויבען צו קוקען אויף אייך קרום, מיט וועניגער ליעבע און אכטונג, און ווען די ערציהער וועלען עפעס דעם קינד דערצעהלען אדער לערנען וועט עס ערווידערט ווערען מיט דער זעלבער אכטונג.

ווען מען הערט זיך געדולדיג איין צום קינדס איבערלעבונגען העלפט עס ענטוויקלען זיין פערזענליכקייט, עס שטארקט זיין אינדיווידואליטעט, עס געוואוינט איהם אימער צו דערצעהלען די עלטערען זאכען וואס זענען גוט און שעדליך צוגלייך, עס שאפט א נעהנטערען צוזאמענבונד צווישען די ערציהער און קינדער, די אכטונג ווערט פערשטארקט און די ערציהונג האט דעם ריכטיגען ערפאלג. אגב, גיט עס אויך דעם קינד א געלעגענהייט זעלבסט נאכצודענקען וועגען זיינע ערצעהלונגען, וועגען די בעמערקונגען וואס ווערען אין צייט געמאכט ביי די ערציהער, און עס לערענט דעם קינד צו דערצעהלען אלעס בתמימות, אהן בעהאלטענע צוועקען און ליגענס.

דאס דערמאנטע איז זעהער וויכטיג פאר דער ערציהונג און קען נאר ערדייכט ווערען דורך די אינטימליכקייט און נאהענטקייט פון די עלטערען מיט זייערע קינדער.

פיעל מאהל טרעפט אויך דאס די עלטערען זענען זעהר אונגערעכט ווען זיי פעראורטהיילען און פערדאמען זייער קינד פאר געוויסע נארישע זאכען אדער ווילדע האנדלונגען ניט אויסרעכענדיג, דאס עס קען גאנץ מעגליך זיין אז דאס קינד זאל גאר ניט האבען קיין שולד דערין. אמאהל ענדערט גאר דאס קינד זיינע טהאטען און האנדלונגען צוליעב די שוואכקייט אין געזונד. און טאקע ווארום זאלט איהר ניט נעהמען דעםביישפיעל פון זיך אליין? ווייסט איהר דען ניט, אז ווען איהר פיהלט עפעס ניט גוט, ווען אייער מאגען איז ניט

אין אָרדנונג, ווען איהר זענט פערקעלטערט זענט איהר ניט דער זעלבער מענש ווי אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען?

איהר זענט דאַן ניט מוטהיג, איהר זענט ניט פריינדליך צו אייערע מיט־מענשען, איהר קענט ניט גדענקען פיעלע זאַכען, איהר זענט ניט פעהיג צו בעגרייפען אזוי שנעל ווי געוועהנליך, איהר ווערט שנעל אויפגערעגט, איהר זענט נערוועז און בעזיצט דאַן בכלל גאַנץ אַנדערע ניט נאָרמאַלע אייגענשאַפ־טען.

מיט אייער קינד קומט פאַר פונקט דאָס זעלבע און אין נויטיגען פאַל פער־דאַמט ניט, שלאָגט ניט נאָר מאַכט א אונטערזוכונג, פרעגט דעם דאָקטאָר, ווייל עס איז גאַנץ מעגליך דאָס אייער קינד פיהלט ניט גוט און איז ניט פעהיג אייך דאָס גענוי צו דערצעהלען.

ווען מיר רעדען שוין פון די בעציהונגען צווישען עלטערען און קינדער וועלען מיר שוין דרך אגב אויך אנווייזען אויף דער אונפּאַרזיכטיגקייט אין דער בענעהמונג צווישען זיך און פריינד אין דער אנוועזענהייט פון די קינ־דער.

עס טרעפט זעהר אָפט, אז ווען א גאַסט אָדער א פריינד פערלאָזט דאָס הויז וואו ער האָט פערבראַכט א געוויסע צייט, רעדט מען וועגען זיין פערזענ־ליכקייט אין זעהר ניט קיין שעהנעם וועג, אבוואהל מען האָט דעם גאַסט זעהר פיין אויפגענומען און בעהאַנדעלט. געוועהנליך מאַכען אזעלכע האַנדלונגען זעהר א שלעכטען איינדרוק אויף די קינדער, וועלכע בעאָבאַכטען עס מיט מעהר אינטערעס ווי ערוואַקסענע. דאָס גלויבען פון קינד און זיין רעספּעקט צו די ערוואַקסענע ווערט ביי איהם שטאַרק אָבגעשוואַכט, ער הויבט אָן צו פער־אורטהיילען און גאַנץ אָפט קומען אין אַזאַ פאַל ארויס די שולדיגע דער פּאָטער

אדער די מוטער אליין. דאס איז א געוואלדיגע טראגעדיע וואס מוז דורכאוים פערמידען ווערען, ווייל דאדורך פערליערט דאס קינד זיין נאטירליכע נאאיווי־טעט, זיין קליין הערצעלע הויבט דערפון אן צו בלוטען און א שטארקע צושיי־דונגס־וואנד שטעלט זיך אוועק צווישען איהם און די עלטערען אדער פער־וואנדטע.

די היים איז דער וויכטיגסטער פאקטאר אין דער ענטוויקלונג פון קינדס כאראקטער און דענקען, און די עלטערען מוזען זיך בעמיהען דאס אויסצונו־צען אויפן בעסטען און צוועקמעסיגסטען אופן.

לערענט אייערע קינדער, געוואוינט זיי צו גוטעס, האלט זיי נאהענט צו אייך, בעאבאכטעט יעדען שריט און טהאט פון קינד און ערמוטהיגט די גייס־טיגע ענטוויקלונג פון אייער קינד. פונקט ווי איהר בעאבאכטעט און ערמוט־היגט דעם ערשטען שריט פון זיינע וואקלענדיגע פיסעלעך און דאס בויגען פון זיין שוואכען קערפערעל. געדענקט אן אייער גרויסער פפליכט צו מאכען א שטודיום פון אייערע קינדער און רעדט זיך ניט איין בטעות, אז א קינד איז א מין שפילכעל וועלכעס איז אונזער איינגענטהום און מיר בעדארפען עס אזוי זיך, סתם אין דער וועלט אריין בעהערשען.

א פרוי קען ניט זיין ערפאלגרייך אין איהר פאמיליען לעבען און קען ניט זיין צופריעדען און גליקליך ווען זי פערשטעהט ניט דורכאוים די נאטור און כאראקטער פון איהר מאן. עס איז ניט גענוג צו פערלאנגען פון א מאן ער זאל טהאן וואס מען הייסט איהם און אויב ניט וועט ער האבען א פערביטערט לעבען מיט טאג טעגליכע סקאנדאלען. די פרוי מוז ערציהען דעם מאן אויף דער שטופע דאס ער זאל אליין זיין צופריעדען צו טהאן איהר ווילען און פער־לאנג. די פרוי מוז שטודירען איהר מאן און פערשטעהן ווי אזוי צו געווינען

זיין צוטרוי, אכטונג און איבערגעבענהייט.

דאס זעלבע איז אויך מיט קינדער. איין קינד איז געבוירען מיט א הייסען טעמפעראמענט און דאס אנדערע מיט א קיהלערען. איין קינד האט א שטארקע פאנטאזיע און דאס צווייטע איז פליאגמאטיש און אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער ווירקליכקייט. איין קינד איז פאלשטענדיג געזונד און זיינע אויפפיהרונגען זענען נארמאלע און דאס אנדערע קינד איז קראנק און פיהלט זיך דארום אוננארמאל. מיט איין ווארט, יעדעס קינד איז צוזאמענגעשטעלט און געבויט פון אנאנדער מאטעריאל און פאדערט א בעזונדערע פסיכאלאגישע פערשטענדעניס. יעדעס קינד מוז דורכאויס פערשטאנען ווערען און די בעהאנדלונגען מוזען הארמאנירען מיט דעם גייסט, נאטור און אייגענשאפט פון קינד.

א קינד איז ניט קיין פופפע נאר אנאינדיווידיאום, א מענש מיט מארך, געמיטה און הארץ.

ווען איהר וועט דאס האלטען גוט אין אייער געדאנק, ווען איהר וועט גענוי שטודירען אייער קינד וועט איהר ארומגעהן מיט אייערע קינדער גאנץ אנדערש ווי איהר זענט געוואוינט, אדער איבערגענומען בירושה. איהר וועט דאן וויסען ווי זיך צו צופאסען צו יעדען קינד בעזונדער נאך זיין אייגנעבוירענהייט און ניט מעסטען אלע קינדער מיט איין מאס און מעטהאדע.

כדי צו זיין ערפאלגרייך אין דער ערציהונג פון די קינדער פאדערט זיך ניט בלויז א גענויע פסיכאלאגישע קענטעניש נאר אנ'ערנסטע און פאלקאמע אויפמערקזאמקייט און בעאבאכטונג אויף די טהאטען און האנדלונגען פון די קינדער אזוי ווי אויף די ערוואקסענע פון הויז און סביבה, וועלכע זענען משפיע אויפ'ן קינדס גייסט און כאראקטער.

ה.

פיזישע ערציהונג

די אידישע שפראך איז רייך מיט פיעל ווערטלעך, וואס בעצייכענען די נויטוועגדיגקייט פון א פיזישער ערציהונג.

עס איז יעדען בעקאנט די ווערטלעך: „א פרוכטבארער בוים זיצט אין א געזונטען ווארצעל״, אדער: „א געזונטער קאפּ איז אויף א געזונטען קערפּער״.ביידע ווערטלעך זענען אנ׳ארגינעלע אידישע פּראדוקציאן און דאך האָט זיך ביי אידען ענטוויקעלט די השגה, אז גייסטיגע און קערפּערליכע פאלקאמענהייט זענען צוויי געגענענטזעצטע זאכען. די גייסטיגע קראפט ווערט געאכטעט און די קערפּערליכע פעראכטעט, און מערקווירדיג, אפילו דא אין אמעריקא וואו פיזישע קראפט ווערט גערעכענט אלס נאציאנאלע שטאלץ איז עס אלץ געבליעבען ביים געוועהנליכען אידען דער פעראכטענדער „הידים ידי עשו״.

דיעזע פעראכטונג איז דער פּראדוקט פון דעם לאנגען אידישען גלות, און עס איז אויך געוויסערמאסען אריבערגעבראכט געווארען אהער אין דעם פרייען לאנד. דארט אין דער אלטער היים איז עס געוועזען פעראכטעט, ווייל מען איז געוועזען מעהר ארייגגעטהאן אין בלויז גייסטיגע ארבייט, וואס איז געוועזען די טרייסט פאר די ליידענדע איבערלעבונגען. דא איז דאס אידענטהום אויסגעטהאן פון גרויסער גייסטיגער ארבייט, אבער עס איז איהם שווער זיך אבצוגעוואוינען פון דאס אלטע און פאלקאם צו ענדערען זיין בליק אויף דעם

נייעם לעבען.

דאס אידישע קינד ליידעט דא שטארק אין מאנגעל פון פיזישע ענטוויק־לונג און עס איז א פפליכט וואס מעהר צו פערשפרייטען צווישען דער אידישער יוגענד די גימנאסטישע ארבייט און שטארקונג פון קערפער. דעם גאנצען טאג זיצט דאס קינד פערשפארט אין ניט זעהר קיין לופטיגע צימערען, פריהער אין פובליק סקוהל און שפעטער נאך אין חדר, און דערפאר זעהען מיר אזוי דאס אידישע קינד בלאס, פערמאטערט און קרענקליך.

כמעט אלע געזעלשאפטליכע זיטען בעמיהט זיך דער איד אין אמעריקא איבערצונעהמען פון דעם איינגעבוירענעם אויסער א זעלכע זאכען וואס האָ־בען א שייכות צו דער ערציהונג פון זיינע קינדער. טרעפט חלילה, א אידיש קינד פערברענגט אביסעל מיט גימנאסטישע ארבייט, קרוינט מען איהם גלייך מיט דעם נאָמען „לויפער", „גוי" א ז. וו. מען פערזאגט טויזענדער מאָהל דאס קינד צו זיין פארזיכטיג, ניט צו „קעטשען א קאלד", ניט צו שפרינגען, ניט צו שפיעלען „באל" אום זיך ניט צוצובייזלען, ניט צו זיין אויפן גאס אום ניט געהרג'עט צו ווערען, — פשוט ניט צו געניעסען פון לעבען.

נאר אויף וויפיעל עס אנבעלאנגט די אינגלעך, זענען נאך די עלטערען געניייגט דאס נאָכצוגעבען און דעם גרויסען פערברעכען אביסעל צו פער־געבען. וואס אנבעלאנגט אבער מיידלעך, איז די לאגע פון דער זאך גאנץ אנ־דערש.

ביי די אומות העולם גיט מען זיך אויך אב מעהרער מיט דער פיזישער ערציהונג פון די אינגלעך ווי פון די מיידלעך. מיר זעהען ווי אין די סקוהלס ווערען פאר די באיעס איינגעריכטעט אלע בעקוועמליכקייטען, קאסטבארע שפיעל פלעצער אין אלערליי גימנאסטישע איבונגען, און דאנעגען פאר די

מיידלעך בענוגענט מען זיך גאנץ אפט מיט א פלאץ פאר פערשיעדענע „באל־געימס“. פון וואנען עס האבען זיך גענומען אט די פערשיעדענהייטען אין אונזער „ספארטען־לאנד“ ווייסען מיר ניט, מעגליך, אז עס איז דער פראדוקט פון דער אזוי אנגענומענער ווייבערישער קאקעטעריי, אבער אז די אנגענומענע טהעאריע און פראקטיק איז א גאנץ שעדליכע און שטערט דער ערציהונג צו ענטוויקלען א געזונדען דור זאגאר פון אינגלעך ווייסען מיר שוין דוקא יא.

נאר מיר זוכען ניט קיין קריוודעס ביי די אומות העולם און ניט דאס בעצוועקען מיר. אונזער וואונש איז בלויז ביי דער געלעגענהייט אויפמערקזאם צו מאכען אונזערע אייגענע ערציהער, וועלכע מיינען, אז אום אבצוהיטען די צניעות פון אונזערע טעכטער מוזען מיר זיי דוקא האלטען איינגעצוימט נאך דאן ווען זיי זענען יונג און ניט דערלאזען דאס זייערע קערפערס זאלען זיך פיזיש ענטוויקלען און אויפהערען זיין נערוועאישע פסיכאפאטישע פופפען.

ביי אונז שטייגט אט די שרעק אריבער אלע גרענעצען. ניט בלויז ערלויבט מען ניט א קליין מיידעלע זיך פריי צו שפיעלען און צו מאכען איבונגען, נאר זאגאר דאן ווען זי שרייט, זינגט, שפרינגט אדער טאנצט רופט מען איהר ניט קיין שענערען נאמען ווי חוצפה. געוועגליך איז דער פערבאט א פראדוקט פון דער מורא, אז דאס מיידעלע וועט זיך איינגעוואוינען צו זאכען וואס זענען ניט מעשה־פאריז, אבער די מורא און שרעק איז גאר א נארישע. מיר אינגלעך זענען אויך קליינערהייט פערנומען מיט שפיעלערייען און נארישקייטען און פונדעסטוועגען שטערט עס אונז ניט צו ווערען שפעטער גאנצע דזשענטעללייט, טא פאר וואס זאל עס שטערען די מיידלעך צו ווערען ליידים? אויב דער געפיהל פון מענשליכקייט ענטוויקעלט זיך ווען דער באי ווערט

עלטער און פערטרייבט אין גאַנצען די אינגעלשע שטיק, טאָ פון וואַנען דרינ־גען מיר, אז דער געפיהל פון ווייבערישער צניעות, וועלכער ווערט נאַטירליך אלץ שטאַרקער און שטאַרקער מיט דעם אנקומען פון דער דערוואַקסענהייט וועט ניט פערטרייבען די שטיפערייען פון מיידעלשאַפט? קען דען ווירקליך דער פרויען־אינסטינקט און די אמת'ע צניעות האָבען א קיום און זיין שטאַרק נאר דורך שטרענגען דיסציפּלין, שוואַכען קערפּער און נארישע קאַקעטערייען?

מען וויל גאר ניט וויסען דאס אויב מיר שטרעבען צו האָבען א פּיזיש שטאַרקען מענליכען דור מוזען מיר אויך שטרעבען צו האָבען א פּיזיש שטאַר־קען ווייבליכען דור. מיר האַלטען זיך נאָך אימער ביי דער גלות־פּסיכאָלאָגיע, אז דאס אידישע קינד, דאס אינגעל ווי דאס מיידעל דאַרף זיין אויסגעטהאָן פון אזעלכע גשמיות'דיגע זאכען, ווי פּיזישע ענטוויקלונג און אבהיטונג פון געזונד.

דעריבער וואַקסט עס אזוי די יוגענד אויס אַנ'אנעמישע (מיט ווייניג בלוט), א שרעקענדיגע און — אייביג פערקעלטערטע.

טרויעריגער איז עס דאמיט וואס די מעהרסטע אידען דאַ אין דיעזען לאַנד וואָהנען אלץ אין די גרעסערע שטעדט און האָבען ניט קיין מעגליכקייטען צו געניסען עטוואס פרישע לופט אום צו ענטוויקלען די מוסקולען און די לונ־גען.

עס איז דורכאויס נויטיג צו לערנען די יוגענד זיך צו בעציהען מיט פולער אכטונג צו זיין פּיזישער קראַפט, ווייל דאס איז פאַר אונז אידען זעהר וויכטיג דאמיט וואס עס וועט שאַפען א געזונטען אידישען דור, און וואס שטאַרקער דער נייער דור וועט זיין אלץ זיכערער איז דאס גליק פון פאָלק. געבענדיג די קינדער א גוטע גייסטיגע און פּיזישע ערציהונג לערענט מען די קינדער

שעצען דעם אייגענעם „איך" און פערשטעהן, אז די פיזישע קראפט איז א טהייל פונ'ם נאציאנאלען פערמעגען און ברענגט דעם פאלק נוצען אלס העל־דען.

עס איז אונבעדינגט נויטיג פון אנהויב אן צו געוואָהנען דאס קינד צום לעבען, צו מוטהיגקייט, צום אריבערטראגען פלוצלונגע טעמפעראטור־ענדע־רונגען, וואס קענען שפעטער האבען א שלעכטע ווירקונג.

די פיזישע אזוי ווי די גייסטיגע ערציהונג מוז זיך אנפאנגען ביים וויגע־לע און מוז געוועהנען דעם קינדערישען קערפער פון דער פריהערסטער יוגענד צו בעוועגונג און ארבייט, ענטוויקלען אין איהם די אונטערנעהמונגס קראפט, געוואנהייטען צו געפאהרען, ווי קלעטערען, קריכען, שווימען, לויפען און שפרינגען, פערטרייבען פון קינד די שרעק פאר די פינסטערניש פון דער נאכט און די איינזאמקייט, וועלכע מאכען די קינדערלעך פאר שוואכע האזען און אונפעהיגע צו ענטוויקלען דעם אייגענעם געדאנק.

דאס שטאדטישע קינד וואס האט ניט דאס רוב קיין מעגליכקייט פריי צו פערברענגען אויף דער פרישער לופט, דארף עס איהם בעזארגט ווערען אין הויז.

אין א שטענדיג דורכגעלופטערטען צימער קען מען דאס אויספיהרען אלס שפיעל. מען דארף מיט דעם קינד מאכען, מעהר אדער ווייניגער, שווערע בעווע־גונגען. פאר'ן קינד וועט עס זיין א גאנץ אינטערעסאנטע שפיעל, אויב דער פאטער, למשל, וועט דעם קינד הייסען ברייט צושפרייטען די הענד, זיי וואר־פען אין דער הויך, אויף הינטער, אויף די זייטען, האפען פערשיעדענע זאכען, לויפען, און עס וועט גלייכצייטיג אויך ענטוויקלען די לונגען, די ברוסט, די מוסקולען פון די הענד, פיס און בויך.

דערביי האָט דאס קינד פערגעניגען, עס לאכט, עס שפּיעלט זיך, און אין דער זעלבער צייט מאַכט עס גוטע איבונגען. דאס קינד וועט זיך דאדורך אויך צוגעוועהנען צו ערפיהלען אנדערע בעפעהלע פון פאָטער אדער מוטער.

שפּיעלערייען פאר'ן קינד קען מען אויסטראכטען פיעלע. איבריגענס איז עס געוואג ווען מען ארבייט זיך אוים איינציגע. א קינד האָט ליעב הונדערטער מאָהל צו ווידערהאלען איינס און דאס זעלבע און עס ווערט איהם ניט מיאוס, ביז מען לערענט איהם אוים א נייע אינטערעסאנטע זאך.

די ערציהער דארפען נאר צולייגען א ביסעל מיהע, האָבען א גוטען ווי־לען און א ביסעל צייט און ער קען דאמיט שאפען א יסוד פאר פּרוכטבארע ארבייט צו ערהויבען די פיזישע גבורה צו א אידעאל.

די ערציהער מוזען אבער זעהר פארזיכטיג אכטונג געבען אויף די שפּיעל געצייג וואס דאס קינד בענוצט, ווייל די שפּיעל געצייג לאזט איבער א גרויסע השפעה אויפ'ן קינד.

עס איז א געזעץ אין קינדער ערציהונג, אז יעדע קליינינקייט שפּיגעלט זיך אב מעהר אדער ווייניגער אויפן כאראקטער פונ'ם קינד.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראכען איז ארויפגעשוואומען די פראגע: ווער האָט ארויסגערופען דעם קריעג? וועלכע קראפט האָט עס געשטויסען מענ־שען צו בלוט פערגיסונגען? ביז מען איז סוף כל סוף דערגאנגען דעם יסוד, אז די קריעגס פיהרענדע לענדער האָבען אליין אויפגעהאָדעוועט א דור פון בלוט דורשטיגע חיות.

אין די פאלקס־שוהלען האָט מען די ארבייט אָנגעפאנגען און אין די פּריוואַטע הייזער האָט מען די מיססיאן פערענדיגט. דאס וואס די לעהרער האָ־

בען ניט געקענט טהאן דורך לעהר־ביכער האָבען די מוטערס געטהאן דורך שפּיעל געצייג, וועלכע איז בעשטאַנען אין ביקסלעך מיט שווערדען, שפּארען און עפּאלעטען, פּליה מאַשינען און האַרמאַטען, און אזוי איז עס אויסגעוואַק־סען די גרויסע אַרמעע פון מענשען מיט מיליטערישע נייגונגען און בלוט דורשטיגע אינסטינקטען.

דארום דאַרפען די ערציהער אכטונג געבען, אז בעת מען מאַכט מיט דעם קינד גימנאַסטישע איבונגען זאל מען איהם ניט מושטירען ווי א סאלדאט, און ווען מען גיט דאס קינד שפּיעל געצייג זאל עס ניט זיין קיין שווערדלעך מיט ביקסלעך און נאָך אזעלכע שעדליכע שפּיעל געצייג.

כדי אויסצואווארצלען פון די קינדערישע הערצער די נייגונג צו מארד און בלוט פערגיסונג, מוז מען אנווענדען אלע מיטלען און זיי בעזאָרגען מיט פּאַ־סיגע שפּיעל געצייג. עס זענען פאַרהאַן פיעלע סארטען שפּיעל געצייג וועלכע טראַגען א בעלעהרענדען כאַראַקטער און וועלכע ערוועקען אין די קינדער עדעלע און מענשען פריינדליכע געפיהלען.

פיעלע טאַטעס און מאַמעס פּראַקטיצירען זעהר אָפט די מעטהאָדען פון אָנפיהרען בלומרשטדיגע מלחמות מיט זייערע פּיצעלעך קינדער, געטהאַן ווערט עס צוליעב פערוויילונג, צוליעב ריינעם שפּאַס, און לאָמיר צוגעבען, אז עס איז טאַקע זעהר גוט פאַר דער פיזישער ענטוויקלונג פונם קינד, עס שטעקט אבער דערין פערדאַרבליכע פאָלגען פאַר דער צוקונפטיגער מאָראַלי־שער ענטוויקלונג פון די קינדער.

רעדענדיג וועגען שפּיעל געצייג און קינדערישע שפּילערייען ווילען מיר שוין אויך אויפמערקזאם מאַכען די עלטערען זיי זאלען גוט בעאָבאַכטען די שפּילערייען ווי למשל די „טאַטע־מאַמע שפּיעל”, וועלכע ווערט אזוי פיעל

פראקטיצירט אין די קינדערישע קרייזען.

אזוי דוכט זיך איז דאס אגאנץ נאַאיווע קינדערישע פערוויילונג. די פּיצעלעך קינדער בעציהען זיך צו דיעזער „שפּיעל" מיט די ריינסטע אונשולדיגסטע מחשבות, און דאָך איז עס איינע פון די גרעסטע וויכטיגקייטען, אז די טאַטעס און מאַמעס זאלען קוקען מיט אפענע אויגען אויף די אימיטירטע „טאטע־מאמע העלדען". צווישען די אמעריקאַנער גאסען קינדער זענען פאַרהאן פיעל העכסט ענטוויקעלטע לויפערס, וועלכע טייטשען אוים די פערוויילונג שוין גאר ניט אויף א נאאיוו קינדערישען אופן.

עס איז העכסט וויכטיג, אז קינדער זאלען קענען פריי פערברענגען, האָבען בעוועגונגען, מאַכען גימנאסטישע איבונגען, לעבען אין פערגעניגען און צופריעדענהייט, אבער יעדע פרייהייט מוז האָבען א גרענעץ, ווייל די שטראַמען אויף דעם ים האָבען אויך א גרענעץ. די ערציהער מוזען האָבען זייער אויג אויף יעדע טהאַט און בעוועגונג פון קינד, אום די גוטע אייגענשאפטען זאלען ניט, חלילה, פערוואנדעלט ווערען אין שלעכטע, און די גאס זאלען צושטערען וואס עס ווערט געבויט אין הויז אונטער אנערענסטער און אויפריכטיגער ערציהונג.

ו

אלגעמיינע בילדונג

אין השכינה שורה
אלא על חכם וכו׳
(שבת צ״ב. ב׳.)

ווען מיר האָבען אין אונזערע פאריגע קאפּיטלעך אנגעדייטעט אויף דעם אונטערשיעד פון בילדונג און ערציהונג און אָנגעוויזען די פעהלערען אין דער עלעמענטארער בילדונג, האָבען מיר פערשטענדליך ניט אין זינען געהאַט דאס בילדונג איז ניט וויכטיג און ברענגט בכלל קיינע נוצען. עלטערען דארפען ניט פערטוישען די ערציהונג אויף בילדונג און לייגען אויף איהר דאס גאַנצע גע־וויכט, איבערהויפּט, ווען דאס קינד איז נאָך יונג און די בילדונג קען אויף זיין ענטוויקלונג גאר ניט משפיע זיין, אבער אין אלגעמיין, ווען דאס קינד ווערט ערוואקסען און די ערציהונג האָט שוין איהרעווארצלען אין איהם איינ־געפלאנצט, מוז די בילדונג פערנעהמען אן אנגעזעהנעם פּלאַץ.

בילדונג איז אַן׳אונשעצבּארער אוצר, און די מיהע און ענערגיע צו ער־ווערבען דיעזען אוצר איז שוין א גרויסע פערדיענסט. בילדונג האָט אויסער דעם מאַטעריאלען ווערט, ווי מיר זענען איהם געוואוינט צו שאצען אין סענ־טען און דאללארס, אויסער דעם וואס דאס איז א שטארקער וואפען אין דער מלחמת־הקיום און אַ מיטעל צו קומען צום הויכען שטאפּעל פון לעבענס־לייטער אויך א פיעל גרעסערען ווערטה אלס געטליכע מתנה צו ענטוויקלען

די עדעלסטע קרעפטע פון אונזער נאַטור און צו ערוועקען די העכסטע פעהיג־קייטען און גייסטיגע שאפונגען פון אונזער מארך. בילדונג צוזאמען מיט א גוטער ערציהונג איז ווי בוימאייל אין א גוטער כלי.ביידע מתנות צוזאמען שאפען די פאלקאמענהייט פון דעם מענשען, וואס איז א געווינס פאר דעם פראגרעס און ציוויליזאציאן פון דער וועלט.

אונוויסענהייט איז די קללה פון דער מענשהייט; אונוויסענהייט איז די מאשין וואס טרייבט אלעם צום אונטערגאנג; אונוויסענהייט איז די כינעזישע וואנד וואס שטעהט צווישען נאציאן און נאציאן, צווישען קלאס און קלאס און צווישען מענש און מענש.

שלמה המלך, דער גרויסער חכם האָט אויסגעדריקט די ווערטה פון בילדונג אין אייניגע געצעהלטע ווערטער, וועלכע האָבען געווירקט ווי א גוּ־טער באלזאם אויף פיעלע שפעטערדיגע דורות: „אשרי אדם מצא חכמה'', וואויל איז דעם מענשען וואס האָט ערווארבען בילדונג.

שלמה המלך, דערצעהלט די לעגענדע, האָט ניט פערלאנגט פון גאָט קיין עשירות, כבוד, גליק, שטארקייט, נאר חכמה, בילדונג און די לעגענדע גיט אונז א פאלקאמע אבשפיגלונג פון דעם גרויסען ווערטה איהרען.

בילדונג גיט א מענשען א מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיינע געדאנקען; בילדונג גיט א מענשען הרחבת הדעת, ברייטער און טיעפער ארייגצובליקען אין זיין וועלט־אנשויאונג (חוג עיוני); בילדונג איז די אייביגע אונשעפּבארע קוועלע פון גייסטיגען פערגעניגען און גליקזעליגקייט (אושר). בילדונג איז דער צויבער אין דעם לעבען און פערשווינדעט ניט צוזאמען מיט די יאהרען נאר לאזט איבער זיינע שפורען פאר דור־דורות; בילדונג עפענט די אויגען און מארך און מאכט אונז צו פערשטעהען די נאַטור און אלע איהרע בעגעבענהייט.

ווען אדם און חוה האָבן געגעסען פון עץ הדעת, פונ׳ם „בוים דער ווי־סענשאפט״, דערצעהלט די תורה, אז „ותפקחנה עיני שניהם״ — זייערע אוי־גען האָבן זיך פאר זיי געעפענט, זיי האָבן דערזעהן די וועלט און איבער וועלט אין איהר גאַנצען געשטאַלט און דאס מענשליכע געפיהל אין זיי האָט ערוואכט פון שלאָף.

עס קומט א צייט אין מענשענס לעבען, ווען דאס חומר׳דיגע, דאס איינ־פאכע פערליערט דעם צויבער, די קערפּערליכע חושים פערליערען זייער מאַכט און די אַלטעגליכע פערגעניגענס הויבען אן צו עקלען און פערליערען די צו־ציהונגס־קראפט. דעם מענשען בלייבט דאן גאר ניט פון זיין פריהערדיגער יוגענד, דאס לעבען ווערט דאן מאנאטאן, אהן אינטערעס, אהן פרייד, אהן גליק און אהן פערגעניגען. אָט דאן איז דאס איינציגע וואס ערהאַלט דעם מענשענס קערפער און נשמה די גוטע ערציהונג און וואלהאַבענדע בילדונג. דער געבילדעטער גייסט פונ׳ם מענשען איז דאס ערענסטע און דויערהאפסטע, דער סם החיים פון וויעגעל ביז אין קבר, פון פרייד ביז לייד און פון יוגענד ביז עלטער.

די געוועהנליכע מאַסען זענען געוואוינט מבטל צו מאַכען א זעלכע גרויסע ווערטען און אלס ארגומענטען ברענגען זיי אייך טויזענדער פאקטען און מען דערצעהלט אייך א מעשה׳לע, ווי: „א איד, א שלים מזלניק איז אמאָהל גע־קומען קיין אַמעריקא און ניט געהאַט צו וואס זיך צו נעהמען אויף צו מאַכען א לעבען פאר זיין גרויסער פאמיליע פון יענער זייט ים. קרובים האָבן זיך אריינגעמישט אין דער זאך און דעם שלים מזלניק געקראָגען א שטעלע אלס שמש אין א שוהלכעל. איז ער דאָך אָבער א שלים מזלניק און ווערט ענטזאגט פון דער שטעלע פאר ניט קענען שרייבען. קרובים ווערען אבער ניט ענטמו־

טיגט און שאפּען דעם שלים מזלניק א פּושקאַרד און שיקען איהם פּעדלען. עס נעהמט ניט לאַנג און דער שלים מזלניק ווערט זעהר א רייכער ריעל עסטייט־ניק און ווען איין א געזעלשאַפט זאגט מען איהם, אז ער וואלט געווען גליקלי־כער אויב ער וואלט געקענט אונטערשרייבען זיין נאָמען, ענטפערט ער דארויף, סארקאסטיש, אז ווען ער וואלט חלילה געקענט אויפשרייבען זיין נאָמען וואלט ער געווען א שמש אין א קליין שוהל׳כעל און היינט איז ער דער רייכער ריעל עסטייטניק״.

אָט אזוינע מעשה׳לעך געהען ארום צווישען פאלק און גיט דעם אונווי־סענדען רעכטפערטיגונג. די יעניגע דארפען אבער פערשטעהן, אז עס איז טאַ־קע דא געבילדעטע קבצנים, נאר אין דעם איז ניט שולדיג זייער בילדונג, נאר זייער ערציהונג, וועלכע האָט אין זיי ניט ערצויגען די פעהיגקייט צו ענט־וויקלען זייער ווילען און שטרעבען.

פיעלע פון אונזערע מוטערס דא אין נייעם לאַנד בעגעהן אין בעצוג די בילדונג דעם זעלבען פערברעכען ווי אין בעצוג די ערציהונג. זייענדיג גע־צוואונגען צו שיקען די קינדער אין סקוהל טהוען זיי דאס ניט מיט אויפריכטי־גער ליעבשאפט און איבערגעבענהייט נאר אלס א מיטעל ווי דעם „ווילדען לאופער״, דאס קינד איינצושפּארען אין א געפענגעניש און זיך צו בעפרייען פון אונאנגענעהמליכקייטען.

מיר מיינען ניט צו בעשולדיגען אונזערע מוטערס, אבער עס איז א פאקט דאס אונזער פאלק איז רייך אין טיפען און כאראקטערע און פערמאגט אויך אזעלכע מוטערס להיפוך יענע וואס זענען זיך מקריב מיט דעם לעבען אנצושטאפען דאס קינד מיט א איבערפליסיגע מאס פון בילדונג.

די מוטער ווען זי שיקט אוועק דאס קינד אין סקוהל צייגט זי ארוים פערראַכטונג. זי דאַנקט גאָט הויך אויפן קול, וואס זי ווערט פּטור אויף א גאנ־

צען טאג פון די קינדער. נאך מעהר פיהלט זיך דאס אין בעצוג די תלמוד תורה און אונז איז פיעל מאהל פערזענליך אויסגעקומען צו הערען ווי א מוטער בעט זיך מען זאל דאס קינד אריינגעהמען אין תלמוד תורה, ווייל זי האט פון איהם קיין כחות אריבערצוטראגען די צרות אין די עטליכע שטונדען פון 4 ביז 8 אבענד.

פערשטעהט זיך אז די קינדער הערענדיג אנגעבען אזעלכע אורזאכען ווארפען זיי אנ'אום־חן אויף דער סקוהל מיט דער תלמוד תורה און פערליערען דעם חשק איהר צו בעזוכען. אזא בעציהונג שאפט א מין צו להכעיס געפיהל אין קינדס הערצעל און דוקא ווייל די מוטער טרייבט איהם אין סקוהל האט ער קיין חשק ניט צו נעהמען אויף זיך די מוטערס שטראף.

מען מוז דורכאויס געדענקען, אז אין סקוהל ווי שלעכט זי זאל ניט זיין איינגעארדענט און וויפיעל מיר זאלען ניט האבען געגען איהר אויסצוזעצען בעקומט דאך דאס קינד די ערשטע לעבענס ערפאהרונג, דאס קינד ווערט ... יך דארטען צוגעגרייט שטופענווייז צו זיין לאנגען לעבענס־קאמפף.

עס איז א גרויסער אמת, אז דאמיט וואס דאס קינד זויגט אין זיך איין אין פערלויף פון זיינע שוהל־יאהרען ווערט געלייגט דער פונדאמענט פון זיין גייסט און כאראקטער.

פון דיעזע איינדריקע וועבט זיך דער פאדים פון זיין צוקונפטיגען לעבען. פון די קערענדלעך וואס מען פערזייעט אין די פריהערסטע יאהרען וואקסט אויס דער גרויסער סאלידארער מענש.

די שוהל גיט דעם קינד די בילדונג און די עלטערען מוזען אין די קינדער איינפלאנצען אכטונג דערצו, ווייל די שוהל־בילדונג פונקט ווי די ערציהונג אין אלגעמיין איז דער וועג ווייזער אינ'ם מענשענס לעבען און ווער עס האט

נאר געגנוג פעהיגקייטען דאס נאָכצופאָלגען עררייכט זיכער דעם ציעל־פונקט.

די אונוויסענהייט בעשרענקט דעם מענש אין זיין אורטיילונגס קראפט, ער ווערט נאר רעגיערט דורך זיינע ניעדריגע געפיהלען, וועלכע ווערען אפט אויסגענוצט צו שלעכטע מעשים.

דער אונוויסענדער האָט קיין עלטער ניט, ווייל זי איז פאר איהם קאלט, טרויעריג, פינסטער, אהן אינהאלט און ניט אינטערעסאנט.

קלוג און ריכטיג איז דער תלמודישער מאמר:

„דער געבילדעטער מאן, וואס עלטער ער ווערט, איז זיין שכל אליץ געזעצטער און מעהר ענטוויקעלט; דער אונוויסענדער, וואס עלטער ער ווערט, איז זיין שכל אליץ טעמפער און מעהר נאריש.״

אין א צווייטען פלאַץ זאגט נאָך דער תלמוד, אז „חכם עדיף מנביא״ (ב״ב. יב עמוד א׳.) „א געבילדעטער מאן שטעהט אויף א העכערער שטופע פון א נביא.״

אין דיעזען לאַנד, אמעריקא, וואו די בילדונג איז פריי און עררייכבאַר צו יעדען איינעם, איז א גרויסער פערברעכען ניט אויסצונוצען דעם אונשעצ־באַרען אוצר, וואס גיט אזא גרויסען געווינס פאר יעדען מענשען אהן אויס־נאהם.

אלס דירעקטער אדער אונדירעקטער מיטעל צו דערגרייכען בילדונג איז געוועהנליך דאס בוך, וועלכעס איז מעהר אדער וועניגער דער אקס ארום וועלכען עס דרעהען זיך די בעגריפען און מיינונגען פון קינד איבער די געוויסע לע־בענס ערשיינונגען.

דאס אידישע קינד ווערט כמעט געבוירען מיט דער ליעבשאפט צום בוך און אויסערהאלב די שוהלע איז עס דאס וויכטיגסטע פון זיין לעבען. מיר

מיינען ניט צו שמייכלען אונזערע שטאָלצע נאַציאָנאַלע געפיהלען, נאָר עס איז א פאַקט וואס קיינער קען ניט אבלייקענען, אז פּראַפּאָרציאָנעל בענוצען זיך די אידישע קליינוואַרג פיעל מעהר מיט די ביכער פון די שטאָדט ביבליאָטעק ווי די קליינוואַרג פון אמעריקאַנער אָדער אלע אנדערע נאַציאָנען. די ליעבשאַפט צום בוך האָט שוין געבראַכט אזוי ווייט, אז מען וואַרט גאָר ניט ביז דאס קינד וועט ווערען גענוג רייף אונצוהויבען צו לעזען, נאָר אזוי שנעל ווי א קינד איז נאָר ביכלת איבערצולעזען עטליכע ווערטער ליעגט עס שוין ביז שפּעט ביינאַכט אריינגעטהאָן מיט דער גאַנצער נשמה אין דעם בוך.

פערשטעהט זיך, אז דאָס פריהצייטיגע לעזען און דאס איבריגע אָנשטרענגען זיך אין די שוואַכע קינדערישע יאהרען ברענגט מעהר שאָדען ווי נוצען און מוז דורכאויס בעזייטיגט ווערען, נאָר דערביי וואַקסט פאַר אונזערע אויגען אויס א פיעל מעהר טרויעריגע ערשיינונגען פון דער קינדער ערציהונג.

וואס פאַר א ביכער לעזען די מעהרסטע פון די קליינוואַרג אין זייערע פרייע שטונדען? וואס פאַר א בילדער, פאָרשטעלונגען, ערשיינונגען שוועבען דורך פאַר זייערע אויגען? מיט וואס פאַר א שפּייז זעטיגען אונזערע קינדער זייער גייסטיגען הונגער?

די מעהרסטע קינדער האָבען גאָר קיין בעגריף וועגען א גוטען מאָראַלישען און בעלעהרענדען בוך. צו ערענסטע ביכער זענען זיי זיכער ניט געניינט ווייל דאַצו פאָדערט זיך גייסטיגע אנשטרענגונגען און פערטיעפונגען. אַנשטאָדט קינדער ליטעראַטור, וועלכע זאָל באמת רייכער מאַכען זייער גייסט שפּייזט מען זיך מיט ביליגע סענסאַציאָנעלע געשיכטעס און „דיים נאָוועלס‟. מיט זיי לייגט זיך דאס קינד שלאָפען און דערמיט שטעהט ער אויף. פון זייער אינהאַלט שעפּט ער זיין גייסטיגע צופרידענהייט, דורך זיי בעקענט ער זיך מיט דאס לעבען, מיט דער געזעלשאַפט, מיט דער וועלט און מיט דעם ענגען

מאסשטאב פון די זאגענאנטע העלדען כאראקטעריזירט ער און שטודירט די סביבה און מיט מענשען צווישען וועלכע ער פערקהרט.

די קינדער ווערען דורך דעם לעזען אוננארמאל, גייסטיג אבגעשוואכט, מעלאנכאליש און צובראכען. זייער נשמה און הארץ איז דורכגעדורנגען מיט די ווילדע טהאטען פון די וועסטערען „קאו־באיעס" און זייער פאנטאזיע טראגט זיי אוועק ערגעץ ווייט פון ווירקליכען לעבען, ווייט איבער בערג, איבער טהאַלען, הייהלען און גריבער, פעלדער און וועלדער, טייכען און ימים, שטעדט און לענדער, וואו די ביכער העלדען בעגעהען די גרעסטע פערברעכענס און גע־פעהרליכסטע אונטערנעהמונגען.

דאס לעזען ערוועקט אינ'ם קינד משונה'דיגע שטרעבונגען און נייגונגען. איהם ווילט זיך צוזאמען מיט די העלדען פון די ביכער ענטלויפען פון זיין פראזאאישער היים און לויפען, רייטען, ברעכען, גנב'ענען, שלאגען און מארדען, בכלל דורכמאכען משונה'דיגע העלדישע ערפאהרונגען אום נאכהער צו ווערען א פינקערטאן . . .

די מגפה פון לעזען אזעלכע ליטעראטור איז א שטארק פערשפרייטע און שאדעט די גייסטיגע ענטוויקלונג פון אונזערע קינדער.

די קינדער האבען איבער זיך קיין אויפזעהער און געוועגליך אפעלירט צו זיי בעסער דאס שרעליכע און דאס סענסאציאנעלע.

די אויפזעהער פון די ביבליאטעקען קענען דאס פערמיידען, אבער דאס איז פארלויפיג אויסער זייער פפליכט און קימערען זיך דארום גאנץ ווענינ. די לעהרער קענען עס ביי זייער בעסטען ווילען ניט אויסראָטען, ווייל די ביכער ווערען פון די קינדער געלעזען אויסערהאלב די שוהלע, וואו די לעהרער קענען ניט האָבען די אויפזיכט. עס בלייבט בלויז איבער צו די עלטערען אויסצו־

ווארצלען די שעדליכע נאָוועלס פון דער קינדער־ליטעראַטור, און זיי זענען פערפליכטעט אויסצואיבען זייער גאַנצען איינפלוס אויף די קינדער ניט צו לעזען די ביליגע זשורנאַלען און מעשה'לעך.

די עלטערען מוזען האַלטען אַנ'אויג אויף יעדען בוך וואָס ווערט אריינגעבראַכט אין הויז און ווען זיי געפינען אוים עפּעס שעדליכעס מוזען זיי אַנווענדען אַלע מיטלען דאָס קינד דערין צו שטערען. די עלטערען וואָס זענען אַליין ניט גענוג ענטוויקעלט אָדער פערשטעהען ניט גוט די ענגלישע שפּראַך אום צו זיין פעהיג צו צענזורירען דעם קינדס ביכער, זאָלען נעהמען אויף זיך די אַרבייט צו בעזאָרגען דעם קינד די געווינשטע ביכער. אַזעלכע עלטערען קענען זיך ווענדען צו די לעהרער, אָדער שוהל־פערוואַלטונג נאָך אַ ליסט פון גוטע ביכער און דאָס אַליין ברענגען די קינדער פון די ביבליאָטעקען.

אויב די עלטערען זענען ניט פעהיג צו פערשטעהן וועלכער בוך עס איז פאַר דעם קינד ווינשענסווערט און וועלכער עס איז פערדערבליך, טאָרען זיי ניט ערלויבען די קינדער צו נעהמען ביכער אויף אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט. דער פאָטער אָדער די מוטער אַליין מוז דאָס בוך נעהמען פון לייבּרערי און יעדעס מאָהל אָנפרעגען ביי די אָנגעשטעלטע וועגען דער גוטסקייט פון בוך.

די געפעהרליכע מגפה פון ביליגע און פערדערבליכע קינדער ליטעראַטור דערט זיך דעריבער אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג מצד די עלטערען די געפאַהר צו פערמיידען.

אידען זענען אימער געווען בעריהמט אַלס „עם הספר". דאָס בוך, וואָס איז דאָס וויכטיגסטע מיטעל צו ערהויבען דעם גייסט פון מענשען איז אימער געווען דער באַלזאַם צום פערוועהטאָגטען גלות לעבען, און נאַר דערפאַר איז

דעם אידענס אוצר הספרות אויסגעטהאן פון אזעלכע משונה'דינגע און שעדליכע געשיכטען ווי די וואס האבען זיך די לעצטע צייט אזוי שטארק פערשפרייט אויף דעם אמעריקאנער באָדען.

אידען האבען אימער אונטער אלע אומשטענדען און אין אלע צייטען זיך מקריב געווען פאר'ן בוך ווי פאר דער אלגעמיינער בילדונג און די צאָהל אידישע קינדער וואס לעבען מיט'ן בוך און נעהמען אויף אלגעמיינע ביל־דונג אין דיעזען לאנד איז פראפארציאנעל ניט קלענער ווי די צאָהל פון אנדערע נאציאנען און אפילו פון עכטע אמעריקאנער אליין, אבער צוליעב דער גרויסער שטרעבונג פון בילדונג איז ביסלעכווייז פערגעסען גע־ווארען דער בעוואוסטער כלל, אז בילדונג אהן ערציהונג איז מעהר שעדליך ווי נוצבאר. בילדונג גיט א גוטען מארך און ערציהונג גיט דעם מארך מיט דעם הארץ צוזאמען.

עס איז אבסאלוט נויטיג צו געבען דעם קינד א גוטע ערציהונג מיט אנאלגעמיינע בילדונג און נאר דאן וועלען די עלטערען ווערען אונשטערבליך דורך זייערע קינדער.

How to develop the Moral, Social and Intellectual Standing of the Jewish Child

---

By

Isaac M. Unterman

(Bar-Chaim)

HEAD INSTRUCTOR

OF THE

CHICAGO TALMUD TORAH

Copyright 1916.

549

מאסשטאב פון די זאגענאנטע העלדען כאראקטעריזירט ער און שטודירט די סביבה און מיט מענשען צווישען וועלכע ער פערקהרט.

די קינדער ווערען דורך דעם לעזען אוננארמאל, גייסטיג אבנעשוואכט, מעלאנכאליש און צובראכען. זייער נשמה און הארץ איז דורכגעדורנגען מיט די ווילדע טהאטען פון די וועסטערען „קאו־באיעס" און זייער פאנטאזיע טראגט זיי אוועק ערגעץ ווייט פון ווירקליכען לעבען, ווייט איבער בערג, איבער טהאַ־לען, הייהלען און גריבער, פעלדער און וועלדער, טייכען און ימים, שטעדט און לענדער, וואו די ביכער העלדען בעגעהען די גרעסטע פערברעכענס און גע־פעהרליכסטע אונטערנעהמונגען.

דאס לעזען ערוועקט אינ'ם קינד משונה'דיגע שטרעבונגען און נייר־גונגען. איהם ווילט זיך צוזאמען מיט די העלדען פון די ביכער ענטלויפען פון זיין פראזאאישער היים און לויפען, רייטען, ברעכען, גנב'ענען, שלאגען און מארדען, בכלל דורכמאכען משונה'דיגע העלדישע ערפאהרונגען אום נאכהער צו ווערען א פינקערטאן . . .

די מגפה פון לעזען אזעלכע ליטעראטור איז א שטארק פערשפרייטע און שאדעט די גייסטיגע ענטוויקלונג פון אונזערע קינדער.

די קינדער האָבען איבער זיך קיין אויפזעהער און געוועגליך אפעלירט צו זיי בעסער דאס שעדליכע און דאס סענסאציאנעלע.

די אויפזעהער פון די ביבליאָטעקען קענען דאס פערמיידען, אבער דאס איז פארלויפיג אויסער זייער פפליכט און קימערען זיך דארום גאנץ ווייניג. די לעהרער קענען עס ביי זייער בעסטען ווילען ניט אויסראָטען, ווייל די ביכער ווערען פון די קינדער געלעזען אויסערהאלב די שוהלע, וואו די לעהרער קענען ניט האָבען די אויפזיכט. עס בלייבט בלויז איבער צו די עלטערען אויסצו־

ווארצלען די שעדליכע נאָוועלס פון דער קינדער־ליטעראַטור, און זיי זענען פערפליכטעט אויסצואיבען זייער גאַנצען איינפלוס אויף די קינדער ניט צו לעזען די ביליגע זשורנאַלען און מעשה'לעך.

די עלטערען מוזען האַלטען אַנ'אויג אויף יעדען בוך וואס ווערט אריינ־געבראַכט אין הויז און ווען זיי געפינען אוים עפּעס שעדליכעס מוזען זיי אַנ־ווענדען אַלע מיטלען דאס קינד דערין צו שטערען. די עלטערען וואס זענען אַליין ניט גענוג ענטוויקעלט אדער פערשטעהען ניט גוט די ענגלישע שפּראַך אום צו זיין פעהיג צו צענזורירען דעם קינדס ביכער, זאָלען נעהמען אויף זיך די אַרבייט צו בעזאָרגען דעם קינד די געוואונשטע ביכער. אַזעלכע עלטערען קענען זיך ווענדען צו די לעהרער, אדער שוהל־פערוואַלטונג נאָך א ליסט פון גוטע ביכער און דאס אַליין ברענגען די קינדער פון די ביבליאָטעקען.

אויב די עלטערען זענען נים פעהיג צו פערשטעהן וועלכער בוך עס איז פאַר דעם קינד ווינשענסווערט און וועלכער עס איז פערדערבליך, טאָרען זיי ניט ערלויבען די קינדער צו נעהמען ביכער אויף אייגענער פעראַנטוואָרטליכ־קייט. דער פאָטער אדער די מוטער אַליין מוז דאס בוך נעהמען פון לייבּרערי און יעדעס מאָהל אָנפרעגען ביי די אָנגעשטעלטע וועגען דער גוטסקייט פון בוך.

די געפעהרליכע מגפה פון ביליגע און פערדערבליכע קינדער ליטעראַטור דערט זיך דעריבער א שטאַרקע אָנשטרענגונג מצד די עלטערען די געפאַהר צו פערמיידען.

אידען זענען אימער געווען בעריהמט אַלס „עם הספר". דאס בוך, וואס איז דאס וויכטיגסטע מיטעל צו ערהויבען דעם גייסט פון מענשען איז אימער געווען דער באַלזאַם צום פערוועהטאָגטען גלות לעבען, און נאָר דערפאַר איז

דעם אידענס אוצר הספרות אויסגעטהאן פון אזעלכע משונה'דיגע און שעדליכע געשיכטען ווי די וואס האבען זיך די לעצטע צייט אזוי שטארק פערשפרייט אויף דעם אמעריקאנער באדען.

אידען האבען אימער אונטער אלע אומשטענדען און אין אלע צייטען זיך מקריב געווען פאר'ן בוך ווי פאר דער אלגעמיינער בילדונג און די צאהל אידישע קינדער וואס לעבען מיט'ן בוך און נעהמען אויף אלגעמיינע ביל־דונג אין דיעזען לאנד איז פראפארציאנעל ניט קלענער ווי די צאהל פון אנדערע נאציאנען און אפילו פון עכטע אמעריקאנער אליין, אבער צוליעב דער גרויסער שטרעבונג פון בילדונג איז ביסלעכווייז פערגעסען גע־ווארען דער בעוואוסטער כלל, אז בילדונג אהן ערציהונג איז מעהר שעדליך ווי נוצבאר. בילדונג גיט א גוטען מארך און ערציהונג גיט דעם מארך מיט דעם הארץ צוזאמען.

עס איז אבסאלוט נויטיג צו געבען דעם קינד א גוטע ערציהונג מיט אנאלגעמיינע בילדונג און נאר דאן וועלען די עלטערן ווערען אונשטערבליך דורך זייערע קינדער.

How to develop the Moral, Social and Intellectual Standing of the Jewish Child

By

Isaac M. Unterman

(Bar-Chaim)

HEAD INSTRUCTOR

OF THE

CHICAGO TALMUD TORAH

Copyright 1916.

549